ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# גדולת יצחק
# מצות ציצית

אידיש

**570**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

מצוה אנציקלופדיה — מצות ציצית — דינין ומנהגין

# ספר

# גדולי יצחק

(והוא)

הטלת ולבישת ציצית כהלכתה

# שער הציורים

**המכיל**

**עשיית ציצית ועטיפת הטלית**

**דיניו ומנהגיו**

קובץ גדול מדברי הפוסקים, וספרי בעשטה"ק ותלמידיו זי"ע, ושאר ספה"ק, המקיפים כללים יסודיים ועיקריים, הנוגעים לדיני ומנהגי עשיית ולבישת ציצית.

ברוקלין יצ"ו שנת תשמ"א

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

יצא לאור ע"י חברה מזכי הרבים

**דפוס הדר**

**EXCELLENT VARITYPER & PRINTER**

195 Lee Ave., Brooklyn, N.Y. 11211

Tel.: (212) 384-4249

*Printed in U. S. A. by*

EDISON LITHOGRAPHING AND PRINTING CORP.

יצחק אייזיק גראס

**418 West 25th Street**

**New York 1, N. Y.**

בס"ד

# התוכן

## לקונטרס גדולי יצחק


פרק........................................עמוד

א. לדקדק הרבה בדיני ציצית..........ז

ב. שיעור לט"ת — לגדולים וקטנים..........ח

ג. דיני ברכת שהחיינו, ולדקדק לקנות אצל איש מהימן ..........י

ד. די ווינדערליכע מעלות און סגולות פין מצות ציצית.......... יב

ה. די געוואלדיגע חשיבות פון מצות ציצית..........יז

ו. דאס ריינקייט פון טלית..........יח

ז. ווארענונג וועגען ציצית..........יט

ח. הידורים ביי ציצית.......... כ

ט. דינים פין אנקנופען די ציצית.......... כא

י. נוסח לשם יחוד..........כד

יא. וויכטיגקייט פון חומרות.......... כו

יב. הלכות בשעת עטיפה.......... כח

יג. סדר עטיפה בקיצור.......... לא

יד. דיני בדיקת הציצית..........לג

טו. שיעורים ביי ציצית ..........לד

טז. דינים פון היסח הדעת ביי טלית.......... לז

יז. וויכטיגע דינים וועגען ציצית.......... מא

יח. מאכען־ארויפלייגען די ציצית.......... מב

כ. א ווארענונג צו אלע אידען — די טליתים טראגעדיע ..........מג

כב. אזהרה נוראה על ציצית מבית דין הגדול .......... מד

כג. ווארענונג קעגען סכנה!!! א רוף צו אלע אידען.......... מה

כד. א רוף צו אלע אידען! זייט מבער דעם פארבארגענעם חמץ מז


✡ ✡ ✡

## שיעור טלית קטן לחיוב ברכה
## לפי מרן הגאון החזו"א זיע"א




הערה : לדעת החזו"א נקב בית הצואר בטל אם הוא עגול והכתפים הם לפחות 21 ס"מ (8.3 אינטש) בכל צד.

נקח מסידור מנחת ירושלים

## שיעור טלית קטן לחיוב ברכה
## לפי הגרא"ח נאה זצ"ל




נקח מסידור מנחת ירושלים

נוסח כרוז שנתפרסם

מספר לשעה ולדורות

כל הזריז במצות ציצית זוכה ומקבל פני שכינה (מנחות מ״ג)

## ציצית יפים ומהודרים בתכלית הכשרות

## עשוים בעיה״ק ירושלם ת״ו

# תעודות בד״צ לקהל אשכנזים הי״ו בקרתא קדישא ירושלם ת״ו

ב״ה יום א׳ דר״ח אלול תר״ע קושט אמרי אמת ניתן לכתב בדבר הציצית הנעשה ע״י האברך ה״ה מו״ה ר׳ ברוך דייטש נ״י הגני מן המודיעים כי הנז׳ ידוע לירא ה׳ ועוסק בתורה. והציצית הנעשה על ידו הם בתכלית הכשרות בנפוץ וטוי׳ ושזורה לשמה כד״ת וכשרים הם גם למהדרין מן המהדרין ומצוה גדולה לתומכו ולהחזיק ישיבתו בקודש ולקנות ממנו הציצית בכדי שיהנה מיגיע כפו וכפי רצונו לקיים יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ ובפרט בזה אשר הוא מזכה את הרבים וכו׳ ובעה״ח יום הנ״ל

**משה נחום וואלנשטין** מקום החותם **ארי׳ ליב בהרא״ד צבי פסח פראנק**.

יום ב׳ לח׳ אלול שנת תר״ע מה מאוד נתננו שמחה בלבבנו בדבר הציצית שנעשה פעיה״ק מאת האברך ירא ה׳ ושוקד ע״ד תוה״ק ה״ה מוה״ר ר׳ ברוך דייטש נ״י וכל מלאכת הציצית היינו הניפוץ והטוי׳ והשזורה נעשה על ידו דווקא לשמה כד״ת ומבלי שום התערבות מלאכת אשה ומהראוי איפוא כי כל איש ירא ד׳ אשר נפשו איותה לזכות במצות ציצית השקולה כנגד כל המצות ולקיימה ביתרון הכשר וההידור יקנה הציצית הללו ובשתיים יעלה לו בזה כי יזכה להיות גם מתמכן דאורייתא בעיר ד׳ שמה וזכות המצוה תגן בעדינו לכונן את בית חיינו ולהשיב את שכינתינו בתוכינו במהרה בימינו כירא בעה״ה יום הנ״ל.

**ליפמן דוד במהרי״ ז״ל** **יוסף יהודה בר״ד הלוי ז״ל** **אברהם בלא״א מו״ה דוד הכהן ז״ל**

מקום החותם בד״צ דקהל אשכנזים חסידים

היטיב נכר לי התימת ידי הרה״ג הבד״צ דפה ואין להוסיף על דברי אמת וצדק ומהראוי לסייע בידי עושה מצוה ובפרט שידוע הוא לירא ד׳ ולהושבי שמו ותורתו "וברוך, אשר יקום את דגל התורה והמצוה ובעה״ח יום ד׳ לסדר תמים תהי׳ עם ד׳ ג׳ אלול בשם ד׳ אקרא לפ״ק

**נאם חיים ברלין**

בעה״ית ו׳ הצא ז׳ אלול תר״ע לפ״ק פעיה״ק ירושלם ת״ו

גם אני הנני לאמין את ידי הר׳ המופלג בתורה ירא אלקים מו״ה ברוך דייטש נ״י אשר עלה על לבבו מחשבה טהורה ללמד ידו מלאכת מעשי׳ הציצית על תכלית השלמות ובזהירות יתרה לעשות הכל בכונה נכונה לשמה וע״י אנשים דייקא למען יזכו את קהל ישראל במצות ציצית בתכלית הכשרות היופי וההידור וכבר הוציא מחשבתו הטובה אל הפועל כאשר ראינו בעינינו והנה מעשה ידו להתפאר ולכן טוב ונכון היא לכל אשר יראת ד׳ בלבבם וחובבי מצוה לשים לב לקנות הציצית מאת המופלג דנ״ל הכשרים למהדרין מן המהדרין כי גם זה מכבוד המצוה להעשות ע״י גדולים בתורה וי״ש ומקרא מלא דבר הכתוב **חכם לב יקח מצות** (ע׳ סוטה י״ג)

**נאם יצחק ירוחם בהגאון החסיד מוה״ר משה יהושע יהודה ליב ז״ל דיסקין**

Addrese Deutsch Baruch Jerusalem Palestina Ung. Heiser No. 92.

## ספר
# גדולי יצחק
## על הלכות ציצית

# פרק א

### לדקדק הרבה בדיני ציצית

א) מצות ציצית דאַרף מען זייער נזהר ומדקדק זיין, (דפ"ק הקד' ג, או' ג, הנהגות יש"מ, מא), דער חזו"א שרייבט אין אַ בריעף (אבות י') „ווען די וועסט מקיים זיין מצות ציצית וועסטו שפירען אַ געוואַלדיגע פרייד מיט הייליגע געפילען זיך צי פאַרבינדען מיט די תורה און מצות.

ב) עס איז מערקווירדיג און וויכטיג וואָס טייל לומדים ווייסען נישט אַז כאָטש מיר פסק'נען דאָס מען דאַרף נישט אָנבינדען ציצית אויף אַ טלית (קטן אָדער גדול) ביז מען וויל עס אָנטוהן (סי' י"ט) פינדעסטוועגן טאָמער איז דאָ אַ מעגליכקייט צי פאַרשאַפען ציצית זאָל מען אַרויפלייגען ציצית באַלד, אפילו ער לאָזט עס נאָר ליגען (פמ"ג סי' י"ט, או"ח שם, פח"ע בשם ישוע"י).

ג) אָהן פראָבירען אַ ט"ק אָדער גדול ווילאַנג ער האָט עס נאָכנישט אָפגעקויפט מעג מען זיכער (או"ח יד, ס"ג), נאָר אפילו מען האָט עס אָפגעקויפט און מען וויל זעהן אינדערהיים נאָכאַמאָל אויב עס פאַסט מעג מען עס אָנטוהן (כן בירתי עפ"י תוס' נדה ס"א מובא במ"א סוס"י י"ט, ואף דמיירי שם במוכר ה"ה בקונה, כמבואר בש"ג סופ"ק דביצה, וא"ד למ"ש בשו"ת מנחת יצחק ח"ז ט"ו דשרי דוקא מטעם ס"ס, וכן בשו"ת שבט הלוי יור"ד נדחק בזה, וכיון דד"ז מכלאים ילפינן כמבואר שם ה"ה בציצית מותר לקונה ודו"ק).

ד) די ציצית דאַרפען זיין לאַנג מען זאָל זיי אַרויסזען פין די קליידער (אור צדיקים ה' ציצית).

ה) מֶען דאַרף אַכטונג געבען און האָבען אַ געהעריגען שיעור אויפען ט"ק (עי' סי' תניא, ובשיעורי מצות לחזו"א, וקובץ אגרות חזו"א,) ביי אַ קליין קינד דאַרף מען אויך אַ שיעור (עי' סי' התניא ולק"מ, ובשו"ת האלף לך שלמה (ס"ד)

ועי׳ מ״ב סי׳ ט״ז בשם פמ״ג ודה״ח שיעורים ועי׳ או״ח בשם ארה״ח), זעה ווייטער

ו) דער תניא שרייבט אין סידור ע״פ האריז״ל דאַרף מען זען אַז דער חזה זאָל זיין איבערגעדעקט מיטן ט״ק.

ז) אַזוי ווי עס איז ליידער איבערצייגט געוואָרען אַז אין די טערקישע טליתים ווערען טיילווייז אַריינגעמישט אויך פרעמדע שטאָפען נישט וואָל, און יעדער איז מהדר לכתחילה אויף הינדערט פראָצענט וואָל, דעריבער זאָל מען דאָס לאָזען אינטערזיכען ביי אַ לאָבערטאָרי.

ח) דער מ״א סי׳ ט׳ סק״ד פסק׳ט מכח פיל קמאָפליקאַציעס וואָס זענען דאָ ביי אַנדערע מיני סחורה, אַז אַ ירא שמים זאָל זיך מאַכען אַ ט״ק וואָס איז בלויז וואָל דאָרכדעם ווערט עד באַשיינט ווערען אויבען, נאָך הינדערט און צוואַנציג יאָר, און אַזוי פסק׳נען אַנדערע אויך אויסדריקליך אָנציטוהן נאָר וואָלענע טליתים (הגר״ז, א״ר ארה״ח, מ״ב, ר״ח שעה״ק פ״י פלא יועץ ציצית,) טייל זאָגען אַז אויף ניילאָן ט״ק זאָל מען נישט מאַכען אַ ברכה, און נישט אַרויסגיין שבת (שו״ת מהר״י שטייף סי׳ כ״ח).

# פרק ב

## שיעור לט״ת – לגדולים וקטנים

א) די שיעורים פון ט״ק זענען פאַרשידענאַרטיג, אַזוי ווי אין די גאַנצע תורה, טייל זאָגען אַזוי און טייל אַזוי, דעריבער וועלען מיר ציטירען דעם שיעור וואָס איז לויט רוב פוסקים (סי׳ הגר״ז, ארה״ח מובא בפ״ת ואו״ח, מ״ב, שיעורי המדות לחזו״א, ואגרת י׳, ש״מ ט׳ כ״ב) דער עיקר שיעור, און ווי טייל ריפען עס אָן דעם מנהג פון אנשי מעשה (ארה״ח, מ״ב, ש״מ). די לענג פאָרענט איין אמה, אינטען אויך איין אמה, די ברייט איין אמה, דער לאָך וואָס מען לייגט דאָרט אַריין דעם האַלז ווערט נישט גערעכנט אין חשבון (דאָס מיינט נאָר דער חלק וואָס איז ליידיג, אָבער דער צועפנטער טייל פאָרענט פון ט״ק קען מען יאָ רעכענען אין חשבון, דאָס איז לכתחילה, בשעת הדחק איז גענוג דריי פערטל (¾) אמה פאָרענט אין דריי פערטל (¾) פון אינטען (ארה״ח, מ״ב), אויב נישט טאָר מען נישט מאַכען קיין ברכה דערויף, און נישט אַרויסגיין שבת אויף דער גאַס (דאָרט) במילא טאָר מען אין שטיב אויך נישט גיין דערמיט שבת, (עי׳ ש״ג ובש״ע הגר״ז שם, ומ״ב, וע״ע ש״מ סי׳ ט׳, כ״ב, שיעור אחרינא לשעהד״ח).

אָבער אינדערוואָכען אויב מען האָט נישט עפּעס אַנדערש זאָל מען גיין אפילו דעם קלענסטען שיעור, (ערוה"ש ס"ה, שו"ת רב פעלים ס"ו, ש"מ או' כ').

ב) די צוויי זייטען פין ט"ק וואָס ליגען אויף די פּלייצעס זאָלען זיין ברייטער ווי דער לאָך אינמיטען (א"א בטשאטש) אַנדערע זאָגען אַז יעדע זייט באַזינדער זאָל זיין ברייטער ווי דער לאָך אינמיטען (שיעה"מ לחזו"א, ובאגרת סי' י').

ג) קליינע קינדער איז דער שיעור ראשו ורובו פון דעם קינד וואָס מען טיט אים אָן די ציצית, (פמ"ג, בה"ל, דה"ח, ועי' היטב שו"ת נחפה בכסף סי' א' מובא באו"ח או' ב') טייל זאָגען אַז אַ קינד פין זעקס ביז דרייצען יאָר אַלט איז דער שיעור איין אמה די גאַנצע לענג, און איין אמה די ברייט (סי' הגר"ז, שו"ת האלף לך שלמה ס"ד).

## שיעור אין מעטער מאָס

ד) די שיעור אין מעטער מאָס שרייבט דער חזו"א (אגרת קצ"ה) אַז לויט די גרעסטע פוסקים (נו"ב, גר"א, בע' בית אפרים, הגרע"א, חת"ס, אמרי אש, והבאים אחריהם) איז דער שיעור יעדע אמה 60 סענטימעטער בערך, און יעדע אגודל בערך ½ ס"מ, (וע"ע דע"ת סי' י"א, ויור"ד סי' ל"ה וגם סי' ר"א, דכ"ת ה' טריפות סי' נ"ג, וסי' ר"א, מאסלה"מ סי' י"א, וט"ז, וקש"ע בהקדמה, ובס' בירורי המדות והשיעורין, (עי' בהלל"מ מש"מ על כללי קש"ע).

ה) גלייכצייטיג געפינען מיר פאַר וויכטיג אויפמערקזאַם צי מאַכען אַז מען דאַרף זייער אַכטונג געבן דאָס די ציצית זאָלען זיין דאָרכגעפירט אין בגד אויפען ריכטיגען פלאַץ (עי' סי' י"א ס"ט ובנו"כ), און דעריבער איז וויכטיג מען זאָל זיך נישט פאַרלאָזען אויפען פאַבריקאַנט נאָר אַליין אויסמעסטען אויב עס האָט די ריכטיגע שיעור, (עי' כעי"ז בח"א ה' תפלין ומ"ב סי' ל"ב סעי' ל"ט), דער שיעור איז לויטען חזו"א (שם סי' י') פין 4 ס"מ ביז 5, לויטען דע"ת 4 ס"מ נישט מער ווי 4½, איז במילא די בעסטע צי מאַכען צווישן 4 און 4½ ס"מ, פין אָנהייב קלייד ביזען לאָך, פיןביידע זייטען געמאָסטען, און וועגן מחלוקת הפוסקים זאָלען נישט נאָכהענגען לויזע פעדימער יענעם חלק פין טלית.

ו) יעצט ציטירען מיר ווי דער חזו"א שרייבט פאַר:

1) די לענג פין גאַנצען ט"ק 120 ס"מ (וויינינגסטענס).

2) דע ברייט פין יעדע פלייצע 21 ס"מ (וויינינגסטענס).

3) דע לאָך 18 ס"מ (ביז 20 ס"מ) דער עיקר ווייניגער ווי די פּליצע.
4) דע ברייט פין גאַנצן 60 (לכה"פ).
5) פין אָנהייב קלייד ביזען לאָך פין ציצית 4 ס"מ – ביז 5 ס"מ.

לויטען אַנדערן שיעור וואָס הייסט דער צווייטער אָנגענימענסטער שיעור איז איין אמה 48 ס"מ (עי' דע"ת סי' ל"ה, קט"ז), און לויט דעם ווערען געענדערט די שיעורים ביי די 4 פונקטען.

ז) מען דאַרף שטאַרק אַכטונג געבען און זיך נישט פאַרלאָזען אויף קיינעם סיי ביי אַ גרויסען ט"ק, סיי ביי אַ קינדעריש סיי ביי די שיעור ביז די ציצית פין אַ טלית גדול, אַליינס אויסצימעסטן ווי מיר האָבען שוין אויבענדערמאָנט, און נאָר דערפאַר האָבען מיר ציטירט די עיקרי הלכות כדי אפילו די וואָס האָבען נישט קיין צייט דאָרכצילערנען די הלכות זאָלען אויך האָבען די געלעגענהייט אַזוי חשובע טייערע מצוה, (וואָס היט אויס דעם מענטש פין עבירות (מנחות מ"ג:) און איז גלייך ווי מען וואָלט מקבל געווען פני השכינה,) געהעריג מקיים צי זיין.

# פרק ג

## דיני ברכת שהחיינו, ולדקדק לקנות אצל איש מהימן

א) יונגעלייט וואָס טוען אָן דעם טלית אויפסניי צום ערשטען מאָל זאָלען נישט פאַרגעסן צי מאַכען ברכת שהחיינו ביים ערשטען אָנטוהן (ולא בשעת עשיית הציצית כ"כ בכה"ח סק"ו שכן המנהג), קודם להתעטף און נאָכדעם שהחיינו, (שע"ת סי' כ"ב, כה"ח סק"ז, ואם שכח עי' היטב בבה"ל וכה"ח סק"י, ובסי' התניא דיני ברכת שהחיינו).

ב) דער חתם סופר שרייבט (סי' ו') אַז מען טאָר נישט קויפען ציצית פין אַבי ווער, און דעריבער איז דער שטרויכלינג פין ציצית תפלין ומזוזות זייער גרויס, און מען טאָר נישט קויפען די אַלע זאַכען. (ציצית תפלין מזוזה) נאָר פין פאַרלעסליכע מענטשען (מובא באו"ח סי' כ').

ג) זעהר אַ וויכטיגע פונקט וואָס מיר מיזען אויפקלערן דעם עולם התורני אַז אפילו ווען מען קויפט ציצית מיט אַ הכשר איז מען נאָך נישט פאַרזיכערט אַז דאָס זיכט יעדער מדקדק ווייל אין הלכות ציצית איז דאָ אַסאַך איינצל-הייטען וואָס טייל האַלטען עס פאַר כשר און דאָך וואָלט אַ מדקדק נישט חשק

געהאַט צי גיין אין אַזעלכע ציצית, צ.ב.ש. מאַשין ציצית (עי' שו"ת מהר"ם א"ש סי' א', שו"ת כנף רננה סי' ע"ב, מחזה אברהם סי' ג', שו"ת תפארת יוסף סי' א', חסל"א סי' י"ז, שו"ת ד"ח או"ח סי' ג'), כאָטש עס זענען דאָ מתירים וויל מען נישט מקיל זיין ביי אַזאַ גרויסע מצוה.

דאָס גלייכען ביים דרייען די ציצית (שזירה) איז אויך דאָ מחלוקת אויב עס איז נישט געמאַכט געוואָרען לשמה, טייל זענען מתיר (א"ר, פמ"ג, דה"ח,) און טייל אַסרן (ראב"ן, מ"א, גר"א, מגמ"ב ארה"ח, ועוד).

אויב ביים לשמה זעלבסט זענען דאָ גרויסע מחלוקת אויב עס איז נאָר געווען במחשבה אויב מען האָט יוצא געווען (ע' א"ר וא"א מובא בבאו"י ומ"ב סק"ד), און אַזוי נאָך צענדליגע מחלוקת.

ד) איז דעריבער דער ריכטיגער וועג צי קויפען ציצית דאָרט ווי מען קען געהעריג נאָכפאָרשטען וויאַזוי די ציצית איז געמאַכט די גאַנצע פּראָצעדור פין שפינען, דרייען, פין אָנהייב ביזן סוף.

דערפאַר זאָל מען אַכטונג געבן צי קויפען ביים פאַבריקאַנט אָדער זיין אַגענט א.ד.ג. וואָס ווייסען פינקטליך דעם גאַנצען הלוך ילך פין די ציצית פאַבריקאַציע.

ה) באַזונדער וויכטיג איז ביי די ט"ק וואָס מען קויפט פאַרטיג אַרויפגעקניפט די ציצית פאַלט מען אַריין אין אַ פריש פעקל חששות, דעריבער זאָל מען מדקדק זיין אַליינס אַרויפצילייגען די ציצית וועגן מצוה בו יותר מבשלוחו (דגם בהכנה שייך מצוה זו, עי' שד"ח מע' המ' כלל נ"ד, ודברי חכמים סי' מ"ד) און טאַקע ציצית מובחרים.

ו) בפרט דאַרף מען זייער אַכטונג געבן ביי די קליינע קינדער טלית קטן'ס וואָס מען קויפט אויף האָלסעיל גאַנצע שאַכטלעך און אַ גרויס טייל דערפין שטאַמט פין ארץ ישראל, און לויט אונזער דירעקטע אינפאָרמאַציע זענען דאָ אין ארץ ישראל צענדליגע פאַבריקן מיט אַרבעטער פרענקען (פראַנק און פרייע) גרויסע קלים, דעריבער קען גאָר לייכט זיין אַז אייער קינד וואָס איר ווילט מחנך זיין מיט מצות ציצית ווי מען דאַרף, (שע"ת סי' י"ז סק"ב) זענט איר גאָר מכשיל מיטען טראָגען אַ פיער עקיגען קלייד אָהנע ציצית, וואָלט סאַך בעסער געווען ווען איר טיט אים גאָרנישט אָהן וואָס עפ"י עיקר הלכה איז ער נישט מחויב (או"ח סי' כ"ז), ווי איידער איר זאָלט אים אָנקליידן מיט אַ ט"ק וואָס

איז מחויב בציצית, און עס איז גאָר אָנגעהאָנגען **דערויף שטריקלעך אַנשטאָט ציצית!** און אַזוי האָב איך געטראָפען אין פלא יועץ (ציצית) פאַרפירט שטאַרק אַז מען זאָל געוואָרענט זיין מקיים זיין מצות ציצית געהעריג ווי מען דאַרף, אויב נישט איז נאָך סאַך ערגער ווייל מען מאַכט אַ ברכה לבטלה און מען טיט אָהן אַ פיר עקיג קלייד אָהנע ציצית (ע״ש), עהנליך צי דעם שרייבט דער בית שערים אַז היסח הדעת ביי תפלין דר״ת איז פיל עדגער, דורכדעם וואָס ער טיט דאָס פרייוויליג, איז אויב ער קען נישט, ווער האָט אים געבעטן אָנהייבען?

ז) דעריבער חשובע עלטערן וואָס איר ווילט זען אידיש נחת פין די קינדער און האָפט שטענדיג זיי אויפצוציען אַלס גרויסע תלמידי חכמים ויראי ד׳, אַזוי ווי דער באַקאַנטער וועלטס וואָרט „במילא איך בין שוין וואָס איך בין, אָבער כאָטש די קינדער זאָלען זיין גרויסע ערליכע אידען״ און דאָס איז דער שטרעבונג פין יעדע אידישע טאַטע מאַמע, שוין אָפגערעדט פין דעם וואָס די חז״ל זאָגען אַז די ערליכע קינדער ראַטעווען די עלטערן פין הימעל שטראָף נאָכן לעבן, (סנהדרין ק״ד. תדב״א ז, יז, ועי׳ ר״ח פ׳ גידול בנים), נאָכמער טרעפען מיר אין זוה״ק אַז נאָר דאָרך די קינדער זענען די טאַטעס זוכה צי עולם הבא (זוה״ק ח״א קט״ו:, קפ״ז.), נאָר אפילו דער וועלט האָט דאָך אויך נאָר דער וואָס זעהט אידיש נחת ביי די קינדער.

צי דעם אַלעם איז מען נאָר זוכה אויב מען טיט דערצי, אַליין גייט גאָרנישט, און טאַקע די טייערע מצוה פין ציצית האָט אַ חשובען חלק אין צוקונפט פין קינד׳ס תכלית אין תורה און יר״ש, ע״כ זייט פאָרזיכטיג און קויפט אַליין פאַרלעסליכע ציצית און בינדט דאָס אָהן אויפען קינד׳ס ט״ק, און פאַרלאָזט זיך נישט אויף די פאַרטיגע זאַכען.

# פרק ד

## די ווינדערליכע מעלות און סגולות פין מצות ציצית

כדי די עלטערן זאָלען האָבען כאָטש אַ שטיקעל באַגריף וואָס דער טלית מיט ציצית באַדייט פאַר זיי, אויף דער וועלט, און יענע וועלט, גלייכצייטיג וואָס דער קליינער ט״ק פינעם קינד קען זיי ציהעלפען צום קינדער עדציהונג, וועלען מיר ציטירען אייניגע פראזוען פין די הייליגע ספרים (ישמע חכם ויוסיף לקח).

א) דער וואָס איז מקיים מצות ציצית איז זוכה צי זעהן פני השכינה (מנחות מ״ג. א״מ סי׳ כ״ד).

ב) דער וואָס איז מקיים מצות ציצית וועלען אים באַדינען צוויי טויזענט מיט אַכט הינדערט קנעכט (שבת ל"ב: טוש"ע סי' כ"ד, ואחרונים).

ג) דורכען זינד פין ציצית שטאַרבען ל"ע קליינע קינדער (שבת לב:).

ד) מצות ציצית איז די איינציגע וואָס ראַטעוועט דעם מענטש פין יצר הרע (א"ר ושע"ת כד, ד).

ה) מצות ציצית ראַטוועט פין גרויסע עבירות אפילו במזיד (מנחות מד. אבן עזרא שלח).

ו) מצות ציצית ראַטעוועט פין כעס, טאָמער ווערט מען אין כעס כאַפּט מען אָן די ציצית און מען קיקט אויף זיי גייט אַוועק דער כעס (קשל"ה דיני ציצית דף טו, שו"א פ' ויגש, א"ר או"ג, ועוד).

ז) ציצית איז אַ סגולה צי זיין פאַרהוילען פין די מלאכי חבלה און מזיקין (זוה"ק פ' שלח).

ח) דאָרך ציצית ווערט מען גערעטעט פין עין הרע (דבש לפי מע' ד' או' כז, להחיד"א).

ט) מצות ציצית איז מרמז אויף תחה"מ (רבינו בחיי פ' שלח לך) במילא דער וואָס איז מקיים מצות ציצית געהעריג, וועט זוכה זיין צי תחה"מ (כף החיים למהרח"פ סי' י' או' ו').

י) דער וואָס פירט דאָרך די ציצית אויף די אויגען בשעת מען זאָגט פ' ציצית מעג ער זיין זיכער אַז ער וועט קיינמאָל נישט בלינד ווערען (קשל"ה דף ד"ן ע"ב, מברח"פ ס"ט י"ג).

יא) איינע פין די זיבען ערליי מענטשען וואָס זענען מנודה, דער וואָס גייט נישט מיט ציצית (ערבי פסחים קי"ג ע"ב, חס"ל, כה"ח סי' או' ו', כה"ח כד, כג), דערפאַר מיז מען אויסדריקליך קויפען אַ קלייד און אַרויפלייגען ציצית ווי מען דאַרף (עי' תוס' שם ותראה).

יב) אַ מענטש דאַרף שטענדיג קיקען אויף די ציצית, ברענגט דאָס גרויס ניצען פאַר די נשמה עס זאָל נישט ציקומען קיין עבירה צי אים (שעה"כ דרושי הציצית דרוש ד', כה"ח כד, יא).

יג) ציצית ברענגט צי ענוה און יראה (חסל"א או' א, כה"ח כד, ז).

יד) דער שכר פאַר מצות ציצית איז אונגעהויער גרויס (ב"י סי' כ"ז בשם מרדכי וסמ"ג).

טו) ווייסע ציצית איז אַ סימן פין מחילה און כפרה (רבינו בחיי פ' שלח, כה"ח ח', ס"ג).

טז) די מצוה ווער עס טיט ווי מען דאַרף איז פינקט ווי מען וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה (מנחות מג ע"ב).

יז) מצות ציצית גייט אָן שבת און יו"ט אויך כדי מען זאָל נישט זינדיגען (תדבא"ר, רוקח ה' ציצית).

יח) אַזוי ווי עס איז גרינג מקיים צי זיין די מצוה, דעריבער איז די שטראָף פין נישט מקיים זיין גאָר געוואַלדיג גרויס (סדה"י כוונת פ' ויאמר).

יט) מצות ציצית טיט היילגען די געדאַנקען פין מענטש ווען מען טיט עס געהעריג (ספרי, ר"ח שעה"ק פ"ו).

כ) אַ סגולה פאַר אַ קראַנקען צי קיקען אויף די ציצית (עץ חיים נד ע"ב לבעל מסגה"ש, בשם מהר"ן).

כא) ציזאַמען לייגען אַ טלית דורך אַ צווייטען איז נישט גיט פאַרען מזל (רפואה וחיים, סג"י).

כב) ציצית איז מציל פין די כחות הטומאה (דבש לפי, סג"י).

כג) טאָמער באַגעגענט איינעם עפעס וואָס איז קעגן באַשעפערס כבוד, זאָל ער קיקען אויף די ציצית וועט ער גערעטעט ווערען (אזהרות והנהגות מהה"ק בעל בני יששכר זללה"ה).

כד) קיקען אויף די ציצית איז איינס פין די תיקוני מדת יסוד (קרנות צדיק פ"ג או' ח"ן, סג"י).

כה) טאָמער איינער זיצט צווישען אַנדערע מענטשען און האָט מורא ער זאָל ח"ו נישט געשטרויכעלט ווערען מיט לשה"ר, ליצנות א.ד.ג. זאָל ער קיקען אויף די ציצית וועט ער ניצול ווערען (סידור ישועות ישראל).

כו) מען דאַרף שטענדיג קיקען אויף די ציצית דאַמאָלטס איז מען מקיים אַ מ"ע פין די תורה (סמ"ק, רשב"ץ, חרדים), און דאָס איז אַ געוואַלדיגע טובה פאַר די נשמה, עס זאָל נישט ציקומען צו זינד, און אַ גרויס תועלת משיג צי זיין

העכערע ענינים, און מען דאַרף קיקען צוויי מאָל איינס נאָכען אַנדערן (פע"ח, נגו"מ, ש"ע האריז"ל).

כז) טאָמער איז מען נישט מקיים אַלע 613 מצות, מיז מען נאָכאַמאָל מגולגל ווערען (משנ"ח מסכת שכיבה, ס' הגלגולים להאריז"ל בפ"ד) און אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגליך פאַר קיינעם, בפרט בזה"ז וואָס לויט ווי דער חפץ חיים רעכנט אויס, איז נישטאָ מער ווי עטליכע הינדערט (ס' המצות לח"ח) דעריבער איז די עצה שטאַרק נזהר זיין אין די מצות וואָס זענען ווי אַלע מצות, צ.ב.ש. ציצית (דפ"ק הקדמה ג, או' ג).

כח) מען דאַרף מחנך זיין די קליינע קינדער מיט די מצוה פין ציצית, ווייל דורכדעם וועלען זיי קונה זיין הייליגקייט און דאָס וועט זיי שטאַרק ציהעלפען צי תורה און עבודת השם (פלא יועץ, ציצית).

כט) אין זכות פין מצות ציצית וועט זיין די גאולה (כתר תורה שלח).

ל) עס איז אַ גיטע זאַך צי האַלטען די ציצית אין האַנט בשעת'ן לערנען, אָדער ביי די פרייע צייט דארכדעם דערמאָנט מען זיך צי קיקען שטענדיג דערויף (עץ חיים), און אַזוי האָט זיך געפירט דער גאון וצדיק ר' יהודה גרינוואַלד רב פין סאַטמאַר אַז בעת לערנען, אויך ווען ער איז געזעסן צווישען מענטשען יעדעס מאָל האָט ער גענימען איינע פין די ציצית, אין האַנד אַריין און אַ קיק געגעבן אויף איהר (כתר תורה).

לא) הגר"א מווילנא האָט פאַר די הסתלקות גענימען די ציצית און האָט זיי געקישט און געוויינט זאָגענדיג דערביי עס איז אַ שאָד אַזאַ שיינע וועלט איבערצילאָזען ווי מען קען פאַר איין גראָשען זיך איין קויפען אַזאַ גרויסע מצוה (כתר תורה).

לב) דאָס ענין פין זיין איבערגעדעקט מיט אַ טלית ווייל דאָס איז מכניע דעם האַרץ פין מענטש און ברענגט צי יראת שמים (ב"י וט"ז סי' ח').

לג) בשעת די עטיפה וואַרפט מען אַלע פיר ציצית אַריבער אויף די לינקע זייט, מתקן זיין דעם יצה"ר (שו"ת הרדב"ז ח"ג תקע"א).

לד) דער וואָס איז מקיים געהעריג מצות ציצית פירט זיך דער באַשעפער מיט אים לפנים משורת הדין (תורת משה לחת"ס פ' שלח).

לה) פאַר מצות ציצית באַקימט מען שכר אויך אויף די וועלט (אגרא דכלה שלח).

לו) מצות ציצית איז אַ גרויסע סגולה מען זאָל נישט האָבען ציין ווייטאָג (דרך ישרה, מהרח״פ סי׳ ט׳, יב).

לז) דער וואָס איז געהעריג מקיים מצות ציצית ווערט ניצול פין גזל, גילוי עריות, שפיכת דמים (מאמר מרדכי סי׳ כ״ד).

לח) מען דאַרף אָנטוהן אַ ט״ק פאַר אַ קינד פין ווען עס הייבט אָן רעדען, לכה״פ ביי די 3 יאָר, און דאַמאָלטס אויסלערנען די א־ב, דורך דעם וועט ער זוכה זיין קליינערהייט צי אַ הויכע נשמה (א״ר או״ח סוסי׳ י״ז).

לט) אַ קליין קינד וואָס רעדט שוין זאָל מען תיכף אָנטוהן מיט אַ ט״ק וויל דורכדעם וועט ער זוכה זיין צי אַ הויכע נשמה, און עס רוהט אויף אים אַ הייליגען גייסט, דאָס שפעטסטע ביי די 3 יאָר, טאָמער טיט מען אָן הערשט ווען דאָס קינד איז עלטער רוהט אויף אים אַ אומריינעם גייסט, און פאַרשטעלט דעם מוח צי פאַרשטיין די תורה, (קיצור של״ה סוף ה׳ ציצית בשם ס׳ מד״ש) [זעלבסט פאַרשטענדליך אַז אין דעם איז אויך אַריינגערעכנט אויב מען טיט אָן פאַרען קינד אַ ט״ק, אָדער פאַר זיך, וואָס עס טויג נישט].

מ) טייל זאָגען מען זאָל שוין אָנטוהן אַ ט״ק פאַרען קינד ווען ער איז אַלט בלויז אַ האַלב יאָר, און דאַמאָלטס וועט ער זיין אָפגעהיטען פין אַלעם שלעכטען (אמרי טוב פ׳ שלח), און אין שטיב פין הייליגען ריזשינער זצ״ל פלעגט מען אָנטוהן די זוהן ט״ק פין אַ חודש און ווייטער (עשר אורות מער׳ י׳ או׳ ה׳).

מא) דער מנהג פין די וועלט איז צו מאַכען ציצית אויף פאַר קליינע קינדער איידער מען געוויינט אים צו אַנדערע מצות, און ווי עלטער דאָס קינד ווערט וואַקסט דער מצוה מיט אים, וויל ער שפירט אַלס מער און מער די זיסקייט פין די מצוה (קרבן העני פ׳ תצא, בשם קדוש ד׳ ר׳ צבי הכהן מרימינוב, זי״ע).

מב) אין נאָמען פין הייליגען נעשכיזער זצ״ל אַז מען זאָל נישט גיין אפילו איין טריט אָהנע ציצית, (זכרון טוב).

מג) מען דאַרף קיקען אויף די ציצית אַזוי, מען נעמט אַלע פיר ציצית אין די האַנט אַריין און מען קיקט דערויף צוויי מאָל און מען זאָגט מיטען מויל „אַזוי ווי עס וואָלט געהאַט תכלת״ דאָרט ווי מען טאָר נישט אויסרעדען זאָל ער

דאָס אינזינען האָבען, דאָס העלפט מען זאָל קענען דאַווענען מיט יראה און אהבה (ס׳ כתב יושר).

מד) עס העלפט אויך די נשמה אַרויפגיין ביי נאַכט (שם).

מה) עס ברענגט די געהויבענע מדריגה פין יראה (שם).

מו) עס העלפט אויך צי די פרנסה (שם).

מז) דורך מצות ציצית איז דער מענטש אַרימגענימען מיטען ליכטיגקיט פין באַשעפער פין קאָפּ ביז פיס, און דורכדעם קען מען קיקען אין אור הגנוז (בית אהרן שלח).

מח) טלית איז דער קלייד פין די שכינה (האריז״ל, טעה״מ עמ׳ שי״ט).

מט) דער וואָס טראָגט ציצית ווערט אָנגערופען „אחד״ אַזוי ווי דער באַשעפער, דערפאַר איז דער אויבערשטער אַליין זיך משתדל איבער אים, (זוהר מובא בילקוט ראובני).

נ) דער וואָס גייט מיט ציצית ריפען אויס מלאכים פאַר אים, גיטס כבוד פאַרען זין פין קעניג (שם).

נא) ווען מען טיט זיך אָנקליידען מיט ציצית און מען גייט אַרויס פין שטיב פרייט זיך דער באַשעפער און דער שלעכטער מלאך וואָס פאַרדאָרבט טרעט אָפּ פין דאָרט און דער מענטש ווערט ניצול פין יעדן שאָדען און משחית (שם).

נב) דורך קיקען אויף ציצית קען מען זיין געזיכערט אַז אַלע שלעכטע געדאַנקען וועלען אָפּטרעטן פין מענטש (גנזי יוסף).

נג) ציצית איז פין די מצות וואָס מען דאַרף אָפּהיטען זייער שטאַרק (אזהרות בעהמ״ח יש״מ).

(נאָך קען מען טרעפן פאַרשידענע סגולות פין ציצית אין ס׳ יפה ללב (איגו תח״י).

# פרק ה

א) אַזוי געפינען מיר אומצאָהליגע מאָל פאַרוואָרפען אין ש״ס וזוה״ק ומדרשים, די געוואַלדיג חשיבות פין הייליגען מצות ציצית ציזאַמען מיט אירע וואונדערבאַרע סגולות מיט איינגעשאַפט וואָס זי ענטהאַלט.

דעריבער חזר'ן מיר נאָכאַמאָל איבער טייערע אידען מדקדקים במצות! אָט האָט איר אַ געלעגנהייט אויף די וועלט, פאַר אַ פּאָר גראָשען מקיים צו זיין אַ מצוה וואָס איז פּינקט ווי מקיים געווען די גאַנצע תורה, אויסערדעם ווערט איר אָפּגעהיט פון מלאך המות, פון אַלע סאָרט אומגליקען, פון אַלע עבירות, איר זענט זוכה צו השראת השכינה, עס פאַרלענגערט דאָס לעבן פון אייערע קליינע קינדער, פּטור פון עין הרע, אַוועק מיט אַלע מלאכי חבלה און מזיקין, איר זענט זוכה צו תחה"מ, מען ווערט קיינמאָל נישט בלינד, רייניגט די געדאַנקען, אַ תיקון פאַר יסוד, היט אָפּ פון רעדן לשה"ר, ברענגט אַריין הייליגקייט מיט אַ הויכע נשמה ביי קליינע קינדער, פּטור פון ציין ווייטאָג, אויסגעהיט פון די דריי האַרבסטע עבירות, העלפט צו די פרנסה.

ב) נאָ! איז ווערט אַ מצוה מיט אַזויפיל מעלות צו קאַרגען די פּאָר דאָלאַר? אפילו ביי די קינדער, עס עפענט זיי דאָס האַרץ צו פאַרשטיין דאָס לערנען ווי מען דאַרף, זאָל מען טאַקע וויסען אַז נישט נאָר פאַר אַן אתרוג וואָס יעדער זעהט דערויף איר שיינקייט דאַרף מען נישט קאַרגען, נאָר אפילו ביי ציצית א.ד.ג. וואָס מען ווערט נישט באַגאָסען מיט קאָמפּלימענטען פון אַלע זייטען, דאַרף אויך זיין דאָס בעסטע.

ג) די ספה"ק געבן פאַרשידענע עצות וואָס צו טוהן ווען איינער האָט אַ פרייע מינוט, און האָט נישט מיט זיי וואָס אויסצופילען, למשל מקיים זיין די מצות וואָס געהערן צום האַרץ (ע' חינוך, ח"א, מ"ב), אָדער מקדש השם זיין (ע' צעטיל קטן למרן רשכבה"ג מהר"א מליזענסק זצללה"ה). מיר גיבען נאָך אַ עצה צו קיקען אויף די ציצית וואָס מען איז מקיים דערביי אַ מצוה פון די תורה מיט יעדן בליק (חרדים בשם סמ"ק ורשב"ץ, שבט מיהודה).

ד) מען זאָל אויסשליסלעך אַליינס ציזאַמענלייגען דעם טלית, (רפואו"ח) פילייכט איז דאָס געזאָגט ביים ט"ק אויך.

# פרק ו

## דאס ריינקייט פון טלית

א) די וואָס קיקען זיך נאָר אים אַז דער קלייד זייערס זאָל זיין ריין, אָבער דער טלית מעג זיין מיאוס, איז זייער שטראָף זייער גרויס, (משנת חכמים או' רי"ח, חסל"א).

ב) מען דאַרף דעם טלית אָפט וואַשען כדי עס זאָל זיין שיין ווייס.

ג) דער טלית דאַרף זיין ווייס, און ריין (מהרח"פ סי' י' א').

ד) מען דאַרף מכבד זיין די נשמה מיט די זאַכען וואָס געהערן צו די נשמה, ער זאָל זען שטענדיג אַז דער טלית זאָל זיין שטענדיג ווייס, ריין, און צוזאַמענגעלייגט (אור צדיקים ה' ציצית ס"ז).

ה) עס איז אַ חרפה און אַ בושה דער וואָס גייט מיט שיינע קליידונג, לויט זיין יכולת, און דער טלית איז צוריסען און שמוציג, מען וועט זיך דאָך שטאַרק שעמען לעוה"ב, (חסל"א, כה"ח כ"ז, ג', פלא יועץ ציצית. זע ווייטער פרק לשם יחוד או' ד').

# פרק ז

## וואָרענונג וועגען ציצית

א) אויפען טלית קטן זאָל ער מאַכען די ציצית פון פאָרענט דירעקט לענגער כדי ער זאָל עס שטענדיג קענען זען (אור צדיקים סי' ז') דאָ וויל איך אויפמערקזאַם מאַכען פאַר אַלע מדקדקים וואָס פירען זיך לויטען הלכה (סי' ח' במ"א בשם האריז"ל) צו גיין מיטען ט"ק אינטערן רעקעל, פינדעסטוועגן דאָך זאָל מען זעהן דערצו אַז די ציצית פאָרענט זאָלען אַרויסהענגען פונעם רעקל כדי מען זאָל עס זעהן, ווי מיר האָבען שוין אויבען געברענגט פון האריז"ל אַז מען דאַרף שטענדיג קיקען אויף די ציצית, און דער אבן עזרא שרייבט בפירוש (בפ' שלח) אַז די מצוה פון ציצית איז זיי זאָלען געזען ווערען.

ב) גלייכצייטיג מיזען מיר באַמערקען אַז דער ט"ק דאַרף מען טראָגען אויפען העמד, נישט אינטערן העמעד, (מ"א סי' ח' ס"ק יג, בשם האריז"ל, וכ"ה בשעה"ר בדרושי ציצית דרוש ו', פע"ח שער הציצית פ"א, ברכ"י ז', חסל"א או' ו', או"צ סי' ז', ט').

ג) דאָס זעלבע מיזען מיר באַמערקען פאַר די וואָס פאַרשטעקן די ציצית אַז דאָס טאָר מען נישט טוהן (מ"א שם), און די וואָס שטיפען אַריין די ציצית אין די הויזען נישט נאָר וואָס זיי זענען מבטל דעם פסוק „וראיתם אותו" טוען זיי נאָך מבזה זיין די מצות פון באַשעפער, און זיי וועלען נאָך דאַרפען אָפּגעבן דין וחשבון אויף דעם (מ"ב סי' ח', כ"ו).

# פרק ח

## הידורים ביי ציצית

א) עפ״י הלכה אויב איינע פון די אַכט פעדימער איז אָפגעהאַקט געוואָרען זענען די ציצית נאָך אַלס כשר, און אָפטמאָל אפילו אויב צוויי, נאָר דאָס האָט שוין געוויסע הלכות ווען יאָ און ווען נישט, (סי׳ י״ב, ובאחרונים), פינדעסט־וועגן דאַרף אַ אָפגעהיטענער מחמיר זיין אין טוישען די ציצית, פינקט ווי צ.ב.ש. טאָמער וואָלט זיין קלייד אַביסעל קאַליע געוואָרען, וואָלט ער זיך געשעמט צו גיין מיט דעם פאַרען מלך, כ״ש דער טלית וואָס איז באַשטימט צו אַזאַ געוואַלדיג גרויסע מצוה מכבד צו זיין דעם רבש״ע, אַודאי געבירט זיך עס זאָל זיין געהעריג מיט אַלע הידורים, (ס׳ יוסף אומץ הקדמון).

ב) נאָך אַ נאָבעלען טעם אויף די חומרא ווערט געברענגט אין נאָמען פון הצה״ק מהר״ם מרימנוב זי״ע, ווייל דער חשבון צוויי און דרייסיג ציצית איז מרמז אויף הויכע זאַכען, און געוויסע סגולות פון ציצית זענען אָפהענגיק און דעם פינקטליכען צאָל פון צוויי און דרייסיג, און דאָס אַלעס ווערט אָנגעוואוירען דורך דעם וואָס עס פעלט איין ציצה בלויז, דעריבער זאָל מען תיכף פאַרעכטען די ציצה, (א״א מהד״ת להגה״ק מבאטשאטש סי׳ י״ז, וע״ש דעתו דכדי עניבה שנשאר ג״כ סגי), זעה ווייטער אר׳ ו׳.

ג) לויטן האריז״ל דאַרף מען מאַכען אַ קניפ סוף יעדען פאָדים (מהרח״פ סי׳ אר׳ ד, שעה״כ דרוש ו׳, ברכ״י אר׳ ו׳, סי׳ יעב״ץ דיני ציצית אר׳ ט״ז, בא״ח נח אר׳ י״ד, אר״צ, נגו״מ) נישט בלויז אַז מען מעג נאָר עס איז דירעקט אַ ענין צו מאַכען די קניפען, (זעה אר׳ ד׳) און אַזוי האַלט אויך דער בעש״ט הק׳.

ד) אַזוי ווי טייל פוסקים זענען מערער אַז מען טאָר נישט מאַכען איבריגע קניפען (מ״א י״א, כ״ג), דעריבער איז די ריכטיגע עצה מען זאָל נישט מאַכען די קניפען דעם זעלבן טאָג וואָס מען לייגט אַרויף די ציצית נאָר אַ טאָג שפּעטער (הרר״פ מקאריץ זצ״ל בשם הבעש״ט זצ״ל במדרש פנחס צ״ל ע״א אר׳ י״ג, ע״ש).

ה) די שיינקייט פון ציצית איז נישט זייער דיק, נישט זייער דין נאָר מיטעלגאַטונג (מ״א י״ב, ו׳, שתילי זתים, י״ב, כה״ח י״ב, י״ד).

ו) דער וואָס וויל האָבען 32 געזינטע ציין זאָל זען דערצו אַז די צוויי און דרייסיג ציצית זאָלען זיין גאַנץ (כה״ח י״א, י״ז), ווייל די ציצית האָבען דעם

זעלבן ציפער ווי דע ציין (של״ה, ומט״מ מחה״ש י״א, י״ח), „שנים אוחזין בטלית״ קען מען טייטשען דער וואָס האָט ציין ווייטאָג זאָל אָננעמען דעם טלית און באַקיקען די ציצית אויב זיי זענען כשר (טעם הצבי ט׳).

ז) הצה״ק מהר״פ מקאריץ זי״ע פלעגט מקפיד זיין ווען מען קניפט זיינע ציצית מען זאָל נישט אויסרעדן (מדר״פ).

ח) עפ״י הלכה איז געננוג ווען יעדע פאָדים פין ציצית איז ציזאַמענ־געדרייט פין צוויי פעדימלעך (בה״ל סי׳ י״א), אָבער מצוה מן המובחר און מקיים צי זיין מצות ציצית כתיקונה, און עפ״י סוד, אַז יעדע פאָדים זאָל זיין ציזאַמענגעדרייט פין אַכט דינע פעדימלעך (קיצור של״ה בשם תשובת באר עשק, ארה״ח סי׳ י״א, זכל״א בשם קדוש אחד כת״י, שו״ת קב חיים).

דעריבער איז אויך גיט צי לייגען אַליינס געהעריגע ציצית פאַר די קינדער, וואָס דורכדעם פאַרדינט מען אויך דעם הידור וואָס ריפט זיך „כפול שמונה״ וואָס איז נישטאָ אַלגעמיין ביי קינדערישע ט״ק.

# פרק ט

## דינים פין אנקנומפען די ציצית

א) לכתחילה טאָרען די ציצית נישט אַרויפגעלייגט ווערען אויפען טלית דורך אַ פרוי, אָדער קינד יונגער פין 13 יאָר (רמ״א סי׳ י״ד, ס״א מ״א סק״ג, ד״ז שם, חסל״א או׳ א׳), העכער דרייצען יאָר איז אויך דאָ פאַרשידענע חילוקים (עי׳ מ״ב י״ד ס״א, ובשעה״צ, ובה״ל סי׳ י״א בשם תשובות משכנות יעקב) דעריבער ווילאַנג מען ווייסט נישט זיכער אַז דאָס קינד איז אַ גדול, אפילו ער איז שוין העכער בר מצוה, זאָל מען אים נישט לאָזען אַליין אַרויפלייגען די ציצית (כה״ח י״ד, ד׳).

ב) היינט פידט מען זיך אַז ביים ט״ק מאַכט מען צוויי לעכער אין די ציצית קימען אַדויס אויף איין זייט (ב״ח מובא במ״א י״א, י״ג, וכ״כ בכוונת בשם האריז״ל, ובאו״צ סי׳ ז׳, עי׳ שע״ת שם), דעאַגידט אויף דעם דער קיצור של״ה מען זאָל אַכטונג געבען אַז די ציצית זאָלען אַרויסקימען צום אויסענ־וועניגסטען זייט פין ט״ק, נישט אויף אינעווייניג צום מענטש צו, דערפאַר איז ראַטזאַם אויב מען האָט עפ״י טעות אָנגעטאָן דעם ט״ק פאַרקערט זאָל מען עס צוריק אויסדרייען.

ג) דע ציצית פין ט״ק זאָל מען אָנבינדען נאָנט צום קלייד ממש (סי׳ התניא, א״א מבאטשאטש, שו״ת תשורת ש״י) עס ווערט געברענגט אַז דער קדושת יו״ט האָט געוויזען פאַר זיין פאָטער אדמו״ר גאון ישראל וקדושו בעל יטב לב, די ווערטער פין תניא ווי ער פסק׳ט אַזוי, האָט ער תיכף געהייסען אויפבינדען זיינע ציצית און צוריקבינדען נאָנט צום טלית ווי דער תניא פסק׳ט (השמטות לקו״מ).

ד) מען דאַרף גיט אָפטיילען איין פעדימעל פין צווייטען איידער מען טיט אָהן דעם טלית (סי׳ ח׳, ז׳, א״ר, פמ״ג, מ״ב, כה״ח, או״צ, ועי׳ מחה״ש שם), שבת אויך (מאמר מרדכי) אויסער אויב עס איז שטאַרק ציזאַמגעדרייט (עבוה״ק להחיד״א).

ה) דער חיוב פין בודק זיין דע ציצית גייט אָהן אפילו שבת (הגר״ז סי׳ ח׳, מאמר מרדכי סק״ט, מהרח״פ י׳ או׳ ג׳).

ו) אויב די ציצית זענען צי לאַנג זאָל מען נישט אָפשניידען מיט אַ מעסער אָדער שערל נאָר מיט די ציין (של״ה, מט״מ, מ״א י״א, י״ח), כאָטש אין די מפרשים און פוסקים טרעפען מיר אַז דער עיקר הקפדה איז נאָר אויף אייזען „ברזל״ (עי׳ רמב״ן פ׳ יתרו, כה״ח סי׳ ק״פ, וגר״ז, וא״כ וא״א סי׳ כ״ו), פינדעסטוועגען איז ביי ציצית דירעקט אַ ענין מיט די ציין צי בייסען, סך הכל דריי מדריגות, דאָס בעסטע מיט די ציין, אויב נישט מיט עפעס וואָס איז נישט אייזען, דאָס ערגסטע איז אייזען, דער וועלטס מנהג צי ניצען פייער נעמט זיך לכאורה פין דעם וויל מען וויל נישט ניצען קיין שום שנייד מעטאָדע.

ז) עס איז ראוי אַז סיי דער ט״ק און ט״ג זאָל זיין דירעקט ווייס אַזוי ווי די ציצית (סי׳ ט׳, ט״ז ח׳, הגר״ז), אין פין ב״ח זעהט אויס אַז דער טלית זאָל זיין לכתחילה דירעקט ווייס און נישט געל, ווייל ער שרייבט (סי׳ כ״ד), אַז דער טעם דערפין איז, פינקט ווי עס שטייט כביכול ביים רבש״ע אַז זיין לבוש איז שניי ווייס (לבושי׳ כתלג חיור) דאָס זעלבע דאַרף זיין דער טלית (מובא במ״א ט׳, ו׳), קימט אויס אַז מען דאַרף מדקדק זיין נאָך אַ ווייסען טלית.

ח) אינטערעסאַנט איז צי באַמערקען אויף אַסאַך אידען יראי השם, וואָס זענען אפילו פאַרמעגליכע און פינדעסטוועגען גייען זיי מיט אַ שטאַרק פאַרגעלטע ט״ק שוין כמעט ברוין, נישט ח״ו ווייל זיי זענען נישט מחשיב די מצות ציצית, נאָר עס איז גלאַט אַ נאַכלעסיגקייט, און געוואוינהייט אַז דער ט״ק טיט מען אָן שטענדיג די זעלבע, נישט להבדיל ווי אַ העמד וואָס מען איז געוואוינט אָפט צי טוישען.

ט) פינדעסטוועגן דאַרף מען טאַקע יאָ אַכטונג געבען ווי מיר האָבען שוין געברענגט פון אויבען, אַז דאָס ברענגט נאָך מער אויף אויבען דעם צאָרען, אַז דער העמעד איז שיין ווייס, דער אַנצוג עלעגאַנט אַלעס קלאַפּט וואונדערבאַר, אין פינקט דער טלית קטן וואָס בינדט ציזאַם דעם איד צום באַשעפער, און איז דער הויפט תכלית פונעם עולם הזה איז אינגאַנצען פאַרלאָזט, און מען איז צופרידען וויאַזוי עס איז שוין, טראַצדעם וואָס עס איז אַ חיוב פון זה קלי ואנוהו, מקיים צו זיין די מצות פון שענסטען (שבת קל"ב: מ"א סי' כ"ד).

י) ע"כ דאַרף יעדער זעהן אַז ער זאָל גוט באַטראַכטען דעם ט"ק פון צייט צו צייט אפשר דאַרף מען אים אויסוואַשען, אפשר קויפען גאָר אַ נייע, אפילו דאָס קאָסט אַפּאָר דאָלאַר, וואָס איז דען ווערט דאָס גאַנצע וועלט'ס געלט קעגן אַזאַ הייליגע טייערע מצוה, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל אומצאָהליגע מעלות (ווי אויבענדערמאָנט).

יא) אין פאַרוואָס זאָל דאָס ווייניגער זיין ווי למשל אַ אתרוג וואָס מען צאָלט גערן 40-50 און אפילו הינדערט דאָלאַר, און נאָך מער, פאַר אַ מצוה וואָס מען טוט זיבען טאָג, יעדן טאָג אַביסעל, און אויסער דעם ערשטען טאָג וואָס איז אַ מצוה מן התורה, זענען אַלע איבריגע טעג נאָר אַ מצוה דרבנן. פינדעסטוועגן שפּענדט מען אַזוי פיל געלט, הײנט שטעלט אייך שוין פאָר „ציצית" אַ מצוה וואָס מען איז מקיים אַ גאַנצען טאָג, לויט טייל פוסקים אפילו ביינאַכט (לדעת הרא"ש, בכסות יום) אַ גאַנץ יאָר און טאַקע אַ מצוה מן התורה, פינדעסטוועגן פאַלט נישט ביי אַז כאָטש איינמאָל אַ יאָר זאָל מען קויפען ניי אַזוי ווי אַן אתרוג.

יב) עס איז מערקווירדיג וואָס איינע פון די פוסקים שרייבען אַז אַ טלית וואָס איז שטאַרק פאַרשוואַרצט פון שוויס זאָל מען נישט דאַווענען דערין אפילו מען האָט נישט קיין אַנדערס, אויב אָבער ער איז נישט מיאוס, נאָר ער איז נישט אַזוי שיין לכתחילה זאָל ער נישט דאַווענען דערין, טאָמער האָט ער נישט קיין צווייטע מעג ער יאָ (ברכ"מ ט', כ"ה).

יג) מען דאַרף אַכטונג געבן ביי אַ ט"ק וואָס מען מאַכט צוויי לעכער אַזביידע לעכער זאָלען זיין אינעם שיעור צווישען 4 און 4½ אָדער 5 ס"מ (ס' גור ארי' יהודה, ארה"ח סי' י"א).

יד) די לענג פון די ציצית דאַרפען זיין לכה"פ 12 אגודל, דאָס מיינט לויטען שיעור פון חזו"א בערך 30 ס"מ (סי' י"א ס"ד), און אפילו בשעהד"ח טאָר מען

נישט אָנבינדען די ציצית אויפען בגד אויב ער האָט נישט דעם שיעור (סמ"ג, סמ"ק, אגודה פ' התכלת, רש"י בס' הפרדס, וכל הראשונים א"ר, הגר"ז, ח"א, פמ"ג סד"ה, יעבץ, או"ח בשם זוה"ק ברע"מ פ' פנחס), דערפאַר שרייבט דער תניא (סי' י"א, סעי' ט'), אַז מען זאָל זען צו מאַכען די ציצית לענגער פון דעם שיעור, כדי אפילו עס וועט זיך אַביסעל אָפרייסען זאָל בלייבען דער שיעור, ווייל אין די לענג פון די ציצית איז נישט קיין חילוק אין אָנהייב אָדער שפּעטער, אייביג דאַרף זיין דער שיעור קאָמפּלעט.

טו) דערפאַר אפילו דער טורי אבן פסק'ט (חגיגה ז'.) אַז עס איז נישטאָ קיין שום הידור מצוה צו מאַכען די ציצית לענגער ווי דער שיעור, אָבער פון מ"א (סי' י"א סק"ה) זעהט אויס אַז עס איז אַ הידור.

יעדענפאַלס לערנט אונז דער תניא אַז ווען עס איז דאָ אַ ערנסטע געפאַר דאָס די ציצית זאָלען פאַרלירען איר שיעור דאַן זאָל מען שוין אין אָנהייב מאַכען לענגערע ציצית, נאָכדערצו עס טרעפט זיך אָפט אַז עס שרימפּט איין דאָרכען וואַשען.

## פרק י

### נוסח לשם יחוד

א) אונזער נוסח אין סידור פון לשם יחוד פאַרען אָנטוהן דעם טלית שטאַמט פון ספר שערי ציון, פינדעסטוועגן איז דאָ געוויסע זאַכען וואָס זענען וויכטיג אינזינען צו האָבען איידער מען איז מקיים די מצוה, וואָס ווערט נישט דערמאָנט דאָרט, אין דורכדעם וואָס מען זאָגט דאָס נישט מיטען מויל פאַרגעסט מען אינזינען צו האָבען, אינדערצייט וואָס דער כוונה איז לויט סאַך פוסקים מעכב די מצוה,

דעריבער געפינען מיר אין די פוסקים נוסחאות וואָס האָבען אין זיך דעם פולען אינהאַלט וואָס נויטיגט זיך פאַר די מצוה, און עס איז אַ געוואַלדיגע מעלה מען זאָל זיך געוויינען צו זאָגען דעם נוסח.

**דאָ ברענג איך דעם נוסח מיט די מקורות, און הוספות**

ב) לשם יחוד כו' הריני מתעטף גופי בציצית לקיים מצות בוראי שצונו לעשות ציצית כדי שנזכור כל מצותיו לעשותם, ככתוב בתורה ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדרתם, ונאמר וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ד' ועשיתם

אותם, כן תתעטף נשמתי כו׳ (או״ח סי׳ ח׳, ז׳, סי׳ ר׳ קאפעל וסידורי ספרד, בא״ח, כה״ח ל״ג, עמק יהושע האחרון, ועוד), טייל זענען זיך נוהג נאָכדעם צו זאָגען ויהי נועם ד׳ אלוקינו כו׳ כוננהו, ווי אויך פאַרן תפלין לייגען. (זע נאָך ווייטער או׳ ז׳ וועגען נוסח).

ג) עס איז טאַקע זייער וויכטיג אַזוי ווי רוב טאָג האָט מען אן דעם ט״ק נישט דעם ט״ג, אין די כוונה איז זייער וויכטיג זאָל מען אינזינען האָבען דאָס אַלע ציפּריה ווען מען טיט אָן דעם ט״ק, בפרט בחורים וואָס טוען בכלל נישט אָן קיין גרויסען טלית צום דאַווענען, טאָרען דאָס נישט פאַרגעסן, אפילו די וואָס שלאָפען מיטען זעלבען ט״ק וואָס זיי טראָגען בייטאָג, זאָלען אויך אינזינען האָבען יעדן ציפּריה נאָכאַמאָל מקיים צו זיין די מצוה, ווייל לויטען רמב״ם הייבט זיך אָן אַ נייע מצוה יעדען צו פריה, כ״ש די וואָס טוישען דעם ט״ק, דאָס מיינט סיי די וואָס מאַכען אַ ברכה אויפען ט״ק, סיי וואָס נישט (זעה או׳ ז׳), די וואָס גייען מיט אַ ט״ג זאָלען כאָטש אינזינען האָבען ביים לשם יחוד פון ט״ג אויך דעם ט״ק, פּינקט ווי מען פאַטערט עס מיט די ברכה.

די כוונה איז פאָלגענד, איך האָב אינזינען מקיים צו זיין מיט דעם ט״ק וואָס איך גיי אָנגעטוהן דעם רצון פין באַשעפער, וואָס האָט געהייסען אָנטוהן ציצית כדי מען זאָל זיך דערמאָנען אין אַלע מצות זיי מקיים צו זיין, דאָס בעסטע איז ווען מען זאָגט דאָס אַרויס מיטען מויל (כדע״ת מנ״ח מ׳ ו׳, סידור שער התפלה, ועוד).

ע״כ איז דער בעסטע צו זאָגען דעם אויבענדערמאָנטען נוסח, מיט אַ קליינעם דיפערענץ ביים אָנהייב זאָגענדיג „הריני רוצה לקיים מצות בוראי שצונו וכו׳ ועשיתם אותם״ נישט מער, אין דאָס זאָל מען זאָגען מיט ריינע הענט אָנכאַפּענדיג די ציצית, און נאָכדעם מאַכט ער אַ ברכה, אָדער נישט, אומבאַלאַנגט וויאַזוי מען פירט זיך.

ד) ביים נוסח לשם יחוד וואָס מען זאָגט בעט מען אַז מען זאָל זוכה זיין צו אַ שיינעם טלית אין גן עדן, שרייבט אויף דעם דער ליקו״מ אַז דאָס קען נאָר האָפען דער וואָס האָט זיך געקליידעט אויף די וועלט מיט אַ שיינעם טלית, באַצאָלט מען אים מדה כנגד מדה, אויף יענע וועלט, קעגענאיבער דיע וואָס טוען אָן אַ אָפּגעריסענעם טלית פאַרוואָס זאָל מען אים געבן אין הימעל בעסערס.

# פרק יא

## וויכטיגקייט פון חומרות

א) אינאיינוועגס מיזען מיר שוין דערמאָנען די הייליגע קלוגע רייד פון הגה"צ בעל חפץ חיים זצ"ל, וואָס פלעגט שטענדיג זאָגען אויף די מענטשען וואָס פרעגן אויף יעדע מצוה דער הידור, צי דאָס מיז זיין אָדער נישט, אפשר איז מען יוצא אָן דעם אויך? פרעגן זיי שטענדיג, דורכדעם קימט אויס אַז זיי לעבען דורך זייערע יאָרן מיט מצות וואָס זענען געטוהן געוואָרען לויטען מינימאַלסטען שיעור, אַבי מען זאָל האָבען יוצא געווען, זאָגט אויף דעם דער חפץ חיים זצ"ל, אַז אין גן עדן איז אָנגעגרייט פאַר די סאָרט מענטשען אַ באַזינדער היכל וואָס באַשטייט אויף יוצא צו זיין, דאָס מיינט יעדער באַקימט אַ גאָר קליין טישעל אין בענקעל ממש נאָר יוצא צי זיין, דער גאַנצער תענוג פון גן עדן איז שוואַך אַבי יוצא צי זין, א.ד.ג. דאָס איז אַ מוסר השכל, וואָס דאָס באַדייט אין הימעל יעדעס קליינשיגע הידור אָדער חומרא וואָס מען טיט.

ב) דאָס גיט אויך געוואַלדיג התחזקות ביי אַלע מצות פון די תורה, וואָס נעמט אַרים אַלע הלכות פון שלחן ערוך, אין ציגאָב די ספרי מוסר, דאָס יעדע קלייניקע חומרא וואָס מען טיט און מען נעמט אויף זיך כאָטש מען קען יוצא זיין די מצוה ברייט אָהן דעם, פינדעסטוועגן אין הימעל האָט דאָס אַ געוואַלדיגען ווערט, אַלעס ווערט באַצאָלט בעוה"ב, און נאָך אויף דער וועלט אויך (ע' מהרש"א סוטה פ"א בסופו).

נאָכמער די ספה"ק שרייבען אַז דער אור המקיף (רוחניות'דיגע ליכטיגקייט וואָס נעמט אַרים דעם מענטש) קען מען נאָר זוכה זיין דערצי דורך חומרות, ווי מער חומרות אַלס מער איז דער אור (בני יששכר תשרי מאמר י' דף ל' ע"ש, וע' דע"ק ה' ס"ת). [עס ווערט געברענגט (אין ספר שמן הטוב, צפחת השמן עו), אַז דער הייליגער ר"ר שמעלקא פון ניקעלשבורג זי"ע האָט געהאַט דריי הונדערט חומרות ביי נטילת ידים צום עסען אין איינס איז געווען זאָל זיך נישט אָפגיסן די הענט פון וואַסער וואָס אַ גוי האָט אָנגעשעפּט, עיי"ש].

ג) טאָמער איינער שלאָפט מיטען זעלבן ט"ק ווי ער גייט באַטאָג, זאָל ער נישט מאַכען אַ ברכה צי פריה נאָר פטר'ן מיט מאַכען אַ ברכה אויפען ט"ג (מ"א סי' ח', כ"א, הגר"ז כז, ח"א כלל י"ב ח', ערוה"ש, דה"ח, מפל"ד ל"ו, חסל"א ז', פני יצחק ע' ט' או' קכח, בא"ח פ' בראשית או' ב, כה"ח ס"א).

ווייל מען פאַרגעסט אָבער דעריבער זאָגען טייל פוסקים מען זאָל עס אַריינזאָגען אין לשם יחוד, אַזוי, „באור הציצית העולה תרי"ג, והריני מוכן לברך על עטיפת הטלית כתיקון חז"ל, והריני מכוין לפטור בברכה זו גם הטלית קטן שעלי, וכשם שאני מתכסה כו'" (בא"ח פ' בראשית, כה"ח שם).

אַנדערע זאָגען מען זאָל מוסר מודעה זיין איינמאָל אויף אַ גאַנץ לעבן אַז מען וויל פטר'ן מיט די ברכה אויף דעם ט"ק (א"א בטשאטש).

ד) אויב מען גייט נישט מיט אַ ט"ג ביים דאַווענען, קען מען יוצא זיין מיטען הערען פון איינעם וואָס גייט יאָ, (דחו"ש בשם הגה"ק ממונקאַטש) אויב מען קען נישט, דאַמאָלט טאָר מען אַליינס נישט מאַכען קיין ברכה, (טור סי' ח', ב"ח פרישה, ט"ז ט"ו, א"ר י"ח), איין עצה איז דאָ צי מהרהר זיין די ברכה (גן המלך סכ"ג, שו"ת מהר"ם שי"ק או"ח מ"ב, נימוקי או"ח קס"ז, א"א באטשאטש הרבה מקומות בחיבורו, ה"ח ר"ט סקט"ז ועוד בכמ"ק, פמ"ג בפתי' להל' ברכות, צל"ח ברכות כ' ע"ש באורך), אָבער נישט בדרך בריך רחמנא המובא בדפ"ק לסי' ל', ווייל רוב פוסקים אסר'ן (חו"ד סוס"י ק"י בדיני ס"ס, שו"ת רעק"א סי' כ"ה, חת"ס בחי' רפ"ק דנדרים, מהר"ם שי"ק מצוה ע"ט, שו"ת מש"נ סי' מ"ד, העמק שאלה על השאלתות פ' יתרו, שו"ת מהרש"ך ח"א ר"ה).

ה) אויב מען טראָגט נישט ביינאַכט און בייטאָג דעם זעלבן ט"ק. זעהט אויס און ש"ע אויב עס האָט געהעריג דעם שיעור (עי' סי' ט"ז ולעיל) קען מען מאַכען אַ ברכה, (סי' ח') נאָר עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס האָבען נישט געוואָלט מאַכען אַ ברכה אויף אונזער שלאָף ט"ק וועגן טעם אַז מען שעמט זיך אַרויסציגיין דערמיט אויפען גאַס (עי' סי' ט"ז ברמ"א) און נאָר דאָרט ווי מענטשען גייען אַרויס מיטען בלויזען ט"ק אויף די גאַס מעג מען מאַכען אַ ברכה (א"א בטשאטש, ובסידורו תפלה לדוד ובנימוקי או"ח סי' ט"ז) אַנדערע פוסקים האַלטען אָבער אַז מען קען ראוהיג אַ ברכה מאַכען אויף אַ טלית קטן אפילו דאָרט ווי מען שעמט זיך מיט דעם בלויז אַרויסציגיין אויף דע גאַס, (הגה"ק רש"י משינעווע זי"ע בהסכמתו לסידור תפל"ד, ומ"ב בבה"ל סי' ט"ז). טי"ל צדיקים האָבען זיך געפירט יאָ צי מאַכען אַ ברכה (כ"ה בהסכמת האדמו"ר משינעווע בשם אבותיו ורבותיו) און אַ טייל צדיקים האָבען זיך געפירט נישט צי מאַכען (נימוקי או"ח בשם אבותיו ורבותיו), דעריבער ווילען מיר נישט מכריע זיין אין אַ קלער פין אַ ספק ברכה, דאָס מיזען מיר באַמערקען אַז אויך ביי דעם

פאַל קען מען אויספאָלגען די עצה וואָס מיר האָבען געברענגט או׳ ח׳ (זעהט דאָרט).

ו) די ציצית פין טלית קטן דאַרף מען באַקיקען יעדען צופרי׳ אויב עס פעלט נישט פין די פעדימער. עס איז אויך ראַטזאַם צו באַקיקען ביים לאָך ווי די ציצית גייען אַדאָרך, אויב אַלעס איז אין אָרדענונג. בפרט דער וואָס שלאָפט אין דעם טלית קטן (בה״ל ס״ח סעי׳ ט׳).

# פרק יב

## הלכות בשעת עטיפה

א) בשעת מען האַלט דעם טלית אין דע האַנט גרייט צו מאַכען די עטיפה דאַרף מען דאָס טוהן מיט די רעכטע האַנט, אויסטוהן דאַרף מען מיט די לינקע (הגה״ק מהתוס׳ על ערכין בשם רש״י רת״י, דע״ת סי׳ ח׳).

ב) אין דעם אופן וויאַזוי איבערציוואַרפען דעם טלית אויפען לינקען זייט איז דאָ פאַרשידענע מיינונגען (עי׳ באה״ט סי׳ ח, ג, ובש״ע הגר״ז, ובסי׳ ר״ש, ובסי׳ יעב״ץ, וסי׳ התניא, סי׳ דה״ח, ערוה״ש ומשמרת שלום וכה״ח ותבין) דעריבער פירען אויס די פוסקים אַז דער ריכטיגער וועג יוצא צו זיין לויט אַלע דיעות איז פאָלגענד, מען וואַרפט אַריבער דעם טלית אַז מען זאָל זיין איבערגעדעקט פאָרענט אין אינטען לכה״פ ביז נאָכען בריסט, און נאָכדעם וואַרפט אַדיבער די ציצית פון רעכטען זייט צום לינקען זייט אַריבער די פלייצע, קימט אויס אַז אויף דער לינקער זייט איז דאָ צוויי ציצית אַריבער די פלייצע, און צוויי הענגען אַראָפּ, אַזוי שטייט מען אַ שיעור ווילאַנג עס נעמט צו גיין פיר איילען (240 ס״מ) דערנאָך וואַרפט מען אַריבער די אַנדערע צוויי ציצית און מען שטייט אַזוי נאָך אַזאַ שיעור, נאָכדעם הייבט מען אויף דעם טלית און מען טיט אים אָן געהעריג (פע״ח פ״ו בהג״ה, משמרת שלום, כה״ח סי׳ ח׳, מאסלה״מ ועוד, וע״ע שו״ת לחם שלמה).

ג) מען דאַרף געוואָרענט זיין נישט צו לאָזען דעם טלית אויפען קאָפּ בלויז (ש״צ מובא בליקו״מ), דאָס דאַרף מען גיט פאָרזיכטיג זיין ווייל דער פראַקטיק צייגט אַז רוב אירע אידען ווייסען נישט וויאַזוי דער טלית קיקט זיי אויס בשעת די עטיפה, און דערפאַר דעקען זיי נאָר צו דעם קאָפּ, ע״כ זאָל מען זיך נישט שעמען צו בעטען אַ חבר אָדער אַ נאָנטען וואָס זאָל אויסלערנען וויאַזוי צו מאַכען די עטיפה.

ד) איידער מען טיט אָן דעם טלית דאַרף מען באַקיקען אויב די ציצית זענען כשר (סי׳ ח׳ ט׳) אויך דאַרף מען באַקיקען ביים לאָך ווי די ציצית גייען אַדאָרך ביזען ערשטען קניפּ אויב די ציצית־פעדימער זענען גאַנץ, ווייל אויב אפילו איין פאָדים איז דאָרט אָפגעהאַקט דאַמאָלט איז פסול (ט״ז, א״ר, פמ״ג קשל״ה, הגר״ז, יעב״ץ, קש״ע, חס״ל, מ״ב).

ה) דער תניא שרייבט אין סידור אַז מען דאַרף באַקיקען דעם גאַנצען שטח ווי די קניפען און געדרייעכץ פון די ציצית זענען, [דאָס נעמט ממש געציילטע סעקונדעס] (וכ״כ בא״ר, סו״ב או׳ ב׳, ש״ץ כט, ע״ג כה״ח).

ו) דע ברכה דאַרף מען צי מאַכען איידער מען וואַרפט איבער דעם טלית איבערן קערפער, ווען מען האַלט עס נאָך אין די הענט, (ע״ת, לבוש, שאג״א, ביאור הגר״א, שע״ת, חיד״א במחבר, מאמר ו׳ תפל״ד, עיקרי הד״ט, זכל״א ה׳ ברכות, כר״ש, פמ״ג, פני יצחק, יפל״ל, כה״ח, ועוד).

ז) גלייכצייטיג דאַרף מען אויך געוואָרענט זיין גיט ציצינעמען דעם טלית עס זאָל זיין אינגאַנצען צופענט און נאָכדעם הערשט מאַכען די ברכה (מ״ב שם או׳ ב׳).

ח) ווען מען מאַכט אַ ברכה אויפען טלית דאַרף מען קיקען אויף די ציצית פין פאָרענט (סי׳ כד, סעי׳ ג־ה) טייל זאָגען מען זאָל קיקען אויף אַלע פיער ציצית, (כה״ח שם).

ט) נאָך די עטיפה דאַרף מען אויך קיקען אויף די פיר ציצית (כה״ח ז׳).

י) בשעת די ברכה דאַרף מען אינזינען האָבען אַז די אָנהייב אותיות פון **ל**התעטף **ב**ציצית זענען **לב** קעגן די צוויי און דרייסיג פעדימער פון ציצית, און דאָס איז קעגן די צוויי און דרייסיג וועגען פון חכמה, (שעה״כ להאריז״ל) דאָס איז אַ גיטע סגולה אַז מען זאָל נישט האָבען קיין ציין ווייטאָג (חסל״א, כה״ח כד, יב).

יא) די פסוקים פון ברכי נפשי, וואָס מען זאָגט פאַרען אָנטוהן דעם טלית טאָר מען נישט זאָגען אויב מען האַלט פאַר ברכת התורה (חיד״א בצופ״ש סי׳ ב׳, או׳ ו׳, כה״ח ח׳, ו׳).

יב) אַ קורצען איבערטייטש אויפען לשם יחוד, וועט איר געפינען אין סי׳ ר׳ יעקב עמדין, און אויך אין ספר שומר אמונים באריכות.

יג) די וואָס לייגען דעם טלית אַרום די האַלז אויפען פלייצע ציזאַמענגע־לייגטערהייט, אַזוי אַז איין האַלב פון טלית הענגט אַראָפּ ביי די רעכטע זייט, און די צווייטע האַלב הענגט אַראָפּ אויף די לינקע זייט, זענען נישט יוצא מצות ציצית און עס ווערט באַטראַכט ווי נישט אָנגעטוהן אַ טלית (מ״ב, מ״א, א״ר, שע״ת או׳ ג׳, חסל״א ד׳, כה״ח ט׳).

יד) דעסטגלייכען די וואָס דעקען נאָר צו דעם קאָפּ מיטען האַלז אַליין זענען נישט יוצא (הגר״ז ח, סי׳ יעב״ץ או׳ כז, כה״ח ט).

טו) לויט געוויסע פוסקים (מצו״ש כג, עד, סו״ב או׳ ו, שץ לז, עג, כה״ח ט), די וואָס טראָגען דעם טלית נאָר אויפען גוף און נישט אויפען קאָפּ זענען נישט יוצא די מצוה, און אויב מען האָט דאָס אפי׳ ביי די עטיפה נישט אַרויפגעלייגט פאַר אַ קורצע ווילע אויפען קאָפּ, האָט מען געמאַכט אַ ברכה לבטלה.

טז) אויב די ציצית זענען שטאַרק ציזאַמען געדרייט טאָר מען זיי נישט צישיידען אום שבת ויו״ט (גן המלך, קש״ע סי׳ ב, חסל״א או׳ ח, שע״ת ח, מהר״י פראגי, בא״ח, או׳ ג, וע״ע בדברי שאר פוסקים בכה״ח או׳ ל׳).

יז) מען דאַרף צידעקען דעם קאָפּ פון אָנהייב דאַווענען ביז צום סוף כדי מען זאָל דאַווענען מיט פאָרכט (עצי זהב, א״ר, סו״ב, ז, מקו״ח, באה״ט ג, חסל״א ג, כה״ח י׳).

יח) כדי אַרויסצוגיין פון אַלע פראָבלעמען אין די הלכה איז די גלייכסטע זאפארט נאָך די ברכה צו מאַכען די עטיפה, דערנאָך זאָל מען אַראָפּלאָזען דעם טלית איבערן גאַנצן גוף, אַזוי זאָל מען שטיין ציגעדעקט דער קאָפּ מיטען גאַנצען קערפּער אַ שיעור פון ד׳ אמות, דערנאָך זאָל יעדער מסדר זיין דעם טלית לויט זיין מנהג (כה״ח ט).

יט) אויב איינער האָט געהערט אַ ברכה אָדער קדיש מיט קדושה איידער ער האָט איבערגעוואָרפען אַלע פיר ציצית אויף די לינקע פלייצע, דאַמאָלטס איז די הלכה אַז די וואָס פירען זיך (אַזוי ווי היינט) אַז קודם לאָזט מען אַראָפּ דעם טלית איבערן גאַנצען גוף, און דערנאָך הייבט מען אויף דעם טלית צו מאַכען די עטיפה, מעגען רוהיג נאָכזאָגען אַלע אמנים, אָדער דברי קדושה אפילו לכתחילה פאַר די עטיפה, אָבער ווי לאַנג דער טלית איז נאָכנישט געווען אפילו איינמאָל אויפען גוף טאָר מען נישט נאָכזאָגען אמן, בדיעבד אויב מען האָט יאָ געזאָגט דאַרף מען נישט נאָכאַמאָל מאַכען אַ ברכה, (כה״ח ח, לט, שד״ח אס״ד מע׳ ה׳ או׳ ט, בוו״ח החדש, בא״י).

# פרק יג

## סדר עטיפה בקיצור

דער עטיפה לויט ווי די אויבענדערמאָנטע פוסקים שרייבען דאַרף זיין פאָלגענד:

א) ערשט איז מען בודק די פיר ציצית אויב אַלע פעדימער זענען דאָ, סיי דאָרט ווי די ציצית לויפען אַדאָרך דעם בגד, סיי די צישפרייטע פעדימער, און אויך די קניפען און געדרייעכץ, דאָס דאַרף געטוהן ווערען שטענדיג אפילו שבת יו״ט יוה״כ, א. אַ. וו.

ב) מען דאַרף דאַמאָלטס צישפרייטען גיט די פעדימער פון ציצית, שבת און יו״ט זאָל מען ניט צישפרייטען די ציצית אויב זיי זענען שטאַרק ציזאַמענ־געדרייט.

ג) מען דאַרף זאָגען די פסוקים ברכי נפשי וכו׳ ביז כיריעה.

ד) נאָכדעם זאָגט מען לשם יחוד כו׳ [אויבען האָבען מיר געברענגט דעם נוסח לשם יחוד מיט אַ רייכען הלכה׳דיגען אינהאַלט], און אינזינען האָבען וואָס מען זאָגט.

ה) נאָכדעם ציעפענט מען שטאַרק דעם טלית און מען האַלט זי אין די רעכטע האַנט בלויז, אַזוי מאַכט מען הויעך די ברכה להתעטף בציצית (או״ח החדש סי׳ ח, כה״ח כב, ט).

ו) בשעת מען מאַכט די ברכה זאָל מען קיקען אויף די ציצית פין פאָרענט, און אויב עס קימט נישט אָן שווער דאַמאָלטס אויף אַלע פיר.

ז) בעת די עטיפה זאָל מען געוואָרענט זיין תיכף נאָך די ברכה אַראָפציען געשווינד דעם היט פין קאָפּ און איבערוואַרפען דעם טלית אויפען קאָפּ און גאַנצען קערפער, און נאָכדעם הערשט צוריק אַרויפציען דעם טלית, אַזוי אַז מען זאָל נאָך בלייבען איבערגעדעקט כאָטש ביזען האַרץ פין פאָרענט און אינטען, טייל צדיקים האָבען זיך געפירט אַז פין אינטען זאָל דער טלית זיין אַראָפּ־געלאָזט בשעת׳ן עטיפה כאָטשיג איבער רוב פינעם קערפער (הגה״ק מרן ר׳ יחזקאל שרגא משינעווע זצ״ל, והצדיקים לבית מונקאטש, עי׳ נימוקי או״ח סי׳ ח׳).

ח) נאָכדעם זאָגט מען די פסוקים, מה יקר חסדך כו׳, די וועלט פירט זיך דאָס צו זאָגען אינמיטען די עטיפה, טייל הייסען אָבער זאָגען נאָך די עטיפה (כה״ח או׳ ח׳, ע״ש).

ט) קודם וואַרפט מען אַריבער די צווייטע רעכטע ציצית אויף די לינקע פלייצע, און מען זוימט זיך אַ שיעור פון פיר איילען, דאָס מיינט אַז דאַמאָלטס ליגט אַלע פיר ציצית אויף די לינקע זייט צוויי הענגען אַראָפּ פאָרענט און צוויי איבער די פלייצע, נאָכדעם וואַרפט מען אַריבער אויך די צוויי וואָס הענגען פאָרענט און מען זוימט זיך נאָכאַמאָל אַ שיעור פון פיר איילען.

י) טייל פירען זיך נאָכדעם ווי זיי וואַרפען די לעצטע צוויי ציצית אויף לינקס, קלאַפּען זיי מיט אַלע פיער ציצית צוויי מאָל אויף די לינקע זייט קעגן גענאַק (כה״ח ז׳ בשם מנהג בית קל).

יא) די אַלע וואָס האָבען פאַרשידענע מנהגים אויפען סדר פון עטיפה, אַ מנהג האבות, אָדער חסידות, און שטרעבן אויך יוצא צו זיין די הסכמה פון רוב פוסקים וואָס הייסען מאַכען די עטיפה ווי אויבענדערמאָנט, בפרט נאָכדעם וואָס דער האריז״ל איז דער הויפּט אָנהענגער און ערפינדער דערפון (עי׳ היטב שעה״כ דרושי ציצית פ״א, שעה״כ פ״ב, מחב״ר או׳ צ, סי׳ יעב״ץ, מצ״ש דף כד, חסל״א, מצרת״פ דף ק״ע, קו׳ שפ״א סי׳ מח, סי׳ הרש״ש, וסי׳ דה״ח, וערוה״ש, וכ״כ במשמרת שלום, ובמאסלה״מ, ע״ש).

דעריבער איז די בעסטע עצה קודם צו מאַכען די אויבענדערמאָנטע עטיפה, און נאָכדעם קען יעדער טוהן כמנהגו, וכרצונו.

יב) נאָכדעם לאָזט מען אַראָפּ דעם טלית און מען איז עס מסדר יעדער לויט זיין מנהג, עס איז דאָ אַזעלכע וואָס לייגען די צוויי זייטען פון טלית אויף די פלייצעס (עי׳ בשעה״כ דרוש ק״ש כז ע״ב, ופע״ח דיני קר״ש נ׳ כן עפ״י האריז״ל, וכ״כ בסי׳ יעב״ץ ע״ש ובכה״ח למהרח״פ, וכה״ח כא, יט), טייל לאָזען אַראָפּ דעם טלית, (עי׳ ט״ז סי׳ י׳ סק״י, ובסי׳ הגר״ז, ודחו״ש מ״מ או׳ ל״ה), יעדער לויט זיין מנהג.

יג) טייל פירען זיך צו מאַכען אַ שטיקעל הוספה ביי די עטיפה פון שבת מער ווי אינדערוואָכען חושש צו זיין אויפען שאלתות פ׳ בראשית (עי׳ שו״ת בית אפרים סי׳ ט״ו בשם ירושלמי פאה, ילקוט רות, הגה״מ ה׳ שבת פ״ל, שו״ת פנמ״א ח״ב קנ״ב, ושו״ת מאיר נתיבים, ושע״ת רס״ב ד).

יד) טייל מענטשען זענען מדקדק דירעקט נישט אַריינצישטיפען די ציציח אין גאַרטעל (עי' דחו"ש או' ל"ה ובציונים ומ"מ שם, מהרח"פ, וכה"ח כא, יט).

אַנדערע שטיפען דירעקט אַריין די ציצית אין גאַרטעל וועגען דריי פאַר־שידענע טעמים:

1. כדי עס זאָל זיך נישט נאָכשלעפען אויף דער ערד, (פרה"א, שו"ת דגו"מ, ברכ"י, שע"ת ח, יא, וסי' כא, בסופו, ח"א כלל יא, מ"ב, סי' יעב"ץ, חסל"א, מהרח"פ סי' י' או' ה).

2. אָדער כדי עס זאָל נישט שמוציג ווערען, (א"א בטשוטש, ח, ט, דברי ש"י) וועגען זה קלי ואנוהו.

3. כדי עס זאָל נישט אָפגעריסען ווערען אַ ציצה (מ"ב סוס"י כ"א).

און אפילו די וואָס שטיפען נישט אַריין אין גאַרטעל דאַרפען געוואָרענט זיין וועגען די טעמים נישט צו לאָזען די ציצית ציען אויף דער ערד.

טו) אויך איז וויכטיג פאַר די וואָס שטיפען אַריין די ציצית אין גאַרטעל, זאָלען עס אַריינלייגען אין גאַרטעל פין אינטען, נישט אויף די זייט, (ברכ"י, שע"ת ח, יא).

# פרק יד

א) אַזוי ווי מען פירט זיך אויסציטוהן דעם היט נאָך די ברכה (עי' מ"א קפ"ג סק"ה, בשם הב"ח בבהמ"ז), זאָל מען אַכטונג געבען נישט צו מאַכען קיין הפסק נאָר תיכף אַראָפנעמען דעם היט, מער אויסגעהאַלטען איז אַריבער צו וואַרפען קודם דעם טלית אויפען קערפער און נאָכדעם אַראָפּ צו נעמען דעם היט, יעדענפאַלס דאַף מען געוואָרענט זיין נישט צו מאַכען אַ ברכה און אַרומ־שפאַצירען נאָכדעם זיכענדיג אַ פלאַץ אַראָפּ צו לייגען דעם היט ווייל דאָס איז אַ גרויסע הפסקה.

ב) דער מנהג העולם איז אַז מען איז בודק די ציצית צו וויסען אויב עס פעלט נישט קיין ציצה, אין דער אמת איז דאָס נאָך ווייניג ווייל אפילו די ציצה איז דאָ נאָר ער איז צו קורץ איז אויך פסול, די הלכות ביי דעם זענען פאָלגענד:

# פרק טו

## שיעורים ביי ציצית

א) לכתחילה דאַרף זיין די לענג פין יעדע פאָדים צוועלעף אגודלין (איין אגודל לויט רוב פוסקים איז 2½ סענטימעטער בערך), פין דעם פלאַץ וואָס די פעדימער הייבען זיך אָן צישפרייטען און ווייטער, (יא, ד, פמ"ג ז, וכה"ח).

ב) עס איז וויכטיג די ציצית זאָלען זיין אַביסעל לענגער ווי מען דאַרף ווייל טאָמער ווערט עס קערצער שפעטער זאָל בלייבען אַ שיעור (ש"ע הגר"ז יא).

ג) אויב עס האָט נישט געהאַט דעם שיעור תיכף ביים אָנהייב איז פסול (פמ"ג או' ח, קש"ע ט, מאמר או' ה', ועי' מ"א טו, א, ופמ"ג שם, וכה"ח סק"ו כה"ח יא, טז).

ד) אויב איין פאָדים איז אָפגעריסען דאָרט ווי עס הענגט אויפען טלית איז פסול, (קש"ע ט, יג, ט"ז ח, ז).

### לכתחילה

ה) אויב אַלע ציצית האָבען געהאַט דעם ריכטיגען שיעור, און דערנאָך האָט זיך אָפגעריסען איין פאָדים דאָרט ווי די פעדימער זענען צישפרייט איז כשר, (סי' יב, ואחרונים), עס איז אָבער דאָ אַ מיינונגס פאַרשידענהייט ווען דאָס איז „לכתחילה" וואָס אַלע פעדימער דאַרפען האָבען דאַמאָלטס דעם ריכטיגען שיעור;

א. טייל זאָגען אַז כאָטש איינמאָל מיז מען עס האָבען אָנגעהאט מיטען געהעריגען שיעור, (התעוררות תשובה ח"ב נז), און אויב דאָס ערשטע מאָל האָט עס אָנגעהאט אַ פרעמדער געבאָרגטערהייד, נישט דער בעל הבית, און נאָכדעם איז עס צוריסען געוואָרען, איז דער טלית פין דאַמאָלטס און ווייטער נישט כשר נאָר צום באָרגען ווייל פאַר'ן בעל הבית הייסט דאָס נאָך אַלס לכתחילה (שם).

ב. טייל זאָגען לכתחילה הייסט ביז עס איז פאַרטיג ציזאַמענגעקניפט גרייט אויף אָנציטוהן, אויב נאָכדעם ווערט צוריסען אַ פאָדים איז כשר כאָטש מען האָט עס אפילו איינמאָל נאָכנישט אָנגעהאַט אויף זיך (משמעות הפוסקים עפ"י הלכה למשה ט, ר).

ג. טייל פוסקים זענען מער מקיל אפילו עס איז צוריסען געוואָרען אינמיטען

קניפען, נאָכדעם ווי עס איז געווען פאַרטיג איין חוליא (אַ דריי פון ציצית) און איין קניפ, (פת"ע בשם ארה"ח, כה"ח יב, ח׳, שו"ת האלף לך שלמה סי׳ ט׳, הלל"מ קפט, ר), דעריבער אויב מען האָט געמאַכט איין חוליא מיט איין קניפ, און נאָכדעם איז איין פאָדים אָפגעהאַקט געוואָרען אַזוי אַז עס איז נאָר געבליבען דעם בדיעבד׳יגן שיעור, און אויב מען וועט ציענדיגען די איבריגע קניפען וועט גאָרנישט בלייבען, זאָל מען לאָזען דעם ציצה אַזוי ווי עס איז, און עס איז כשר אָנציטוהן (שם).

יעצט וועלען מיר ציטירען די רייד פין די פוסקים וויפיל איז דער מינימאַלער שיעור ביי ציצית, וואָס ווייניגער פין דעם איז אפילו בדיעבד פסול.

**בדיעבד**

א. אויב איינס פין די אַכט פעדימער איז אָפגעריסען איז כשר, עפ"י מדת חסידות דאַרף מען אָבער מחמיר זיין עס זאָלען שטענדיג זיין צוויי און דרייסיג פעדימער, (א"א בשם הגה"ק מרימינוב זצ"ל, וכן ביוסף אומץ, ובחסל"א, וכה"ח י"ב) אויב עס איז געבליבען פין דעם פאָדים צוויי אגודלין דאַרף מען מער נישט מחמיר זיין אפילו עפ"י חסידות, (א"א שם), דאָס זעלבע ווען מען האָט פאַר זיך אַ צווייט טלית וואָס האָט אַלע פעדימער זאָל מען ענדערשט נעמען יענץ, אויב אָבער יענער טלית געהער פאַר אַ צווייטען זאָל ער ניצען זיינס ווי איידער צי באָרגען פין יענעם, (הלל"מ קצ"ו) דאָס זעלבע שבת זאָל ער נישט נעמען צוליב די חומרא פין 32 פעדימער דעם וואָכען טלית, (שם).

ב. אויב צוויי פעדימער, דאָס הייסט איין פאָדים פין איין האַלב, און איין פאָדים פין צווייטען האַלב זענען געווצליך אָפגעריסען איז פסול, (יב, ואחרונים). אויב איינס פין די צוויי איז געבליבען אַ שיעור כדי עניבה (לויטען ח"א כלל י"א אות כ׳ איז דאָס פיר גודלין, און אַזוי פסק׳ט דער קש"ע סי׳ ט, יב, לויטען כה"ח יב, א, איז דאָס צוויי אגודלין און 2/3, דער מ"ב בבה"ל פסק׳ט צוויי גודלין, וכ"כ בפת"ע בשמו), איז כשר (שם). (זעה ווייטער או׳ ח׳).

ג. אויב אָבער מען איז איבערצייגט אַז די צוויי זענען פין צוויי אַנדערע פעדימער, צ.ב.ש. אַז בשעת׳ן קניפען די ציצית האָט מען אָפגעטיילט פיר אויף איין זייט, דורך מאַכען אַ שלייף אויף אַלע פיר פעדימער, פאַר׳ן דרייען די ציצית, און די אַנדערע פיר פעדימער לאָזט מען לויז, און אַזוי

פירט מען זיך (בדי השלחן סי׳ י׳ מ״ט), דאַמאָלטס איז כשר אפילו צוויי פעדימער פין אין זייט זענען גענצליך אָפּגעריסען.

ד. אפילו ווען מען האָט אָפּגעטיילט פיער און פיער, פינדעסטוועגן אויב עס איז אָפּגעריסען געוואָרען דריי פעדימער אַזוי אַז פין די דריי פעדימער איז נישט געבליבען 12 אגודלין איז דאָס פסול, (רמ״א יב, ס״א) אויסער בשעת הדחק אַז ער האָט נישט פונקט קיין אַנדערע ציצית, אָדער ער וועט מבטל זיין דורכדעם פין דאַוועגען, מעג מען עס אָנטוהן אָהנע ברכה, אָבער אויב נישט טאָר מען עס נישט אָנטוהן און כ״ש אַ ברכה מאַכען דערויף, (ח״א יא, כ, קש״ע ט, יג, כה״ח יב, יא, הלל״מ קצג).

ה. אויב די ציצה איז ציזאַמענגעדרייט פין צוויי פעדימער בלויז (ד״ה כפול שנים) און איינס פין די צוויי איז געווען אָפּגעריסען האָט דאָס דעם זעלבען דין ווי די גאַנצע וואָלט געווען אַראָפּגעריסען. (ערך ש״י סי׳ יב, הלל״מ קפ״ז).

ו) דאָס וואָס טייל פירען זיך אַז אויב דער טלית (קטן אָדער גדול) ווערט פסול בלייבט מען שטיין אויף איין פלאַץ מיטען טלית אָנגעטוהן, איז אַ פאטאלע טעות, נאָר זאפארט דאַרף מען עס אויסטוהן, (זעה ווייטער) (מ״א יט, סק״א, א״ר סק״ז, ח״א כלל יא, לו, חסל״א ב, פתה״ד ג, כה״ח יב, יג, הלל״מ קצ״א).

ז) אונז פירען מיר זיך אַכטונג צי געבען בשעת מען קניפּט די ציצית אַז פיער ציצית זאָלען זיין אויף איין זייט און פיער אויף די צווייטע זייט (סי׳ י״ב א׳), דורכדעם וואָס תיכף נאָכען ערשטען קניפּ נעמט מען די פיער ציצית (נישט דעם לענגסטען) און מען שטייפּט זיי ציזאַמען, און ווען מען ווערט פאַרטיג שלייפט מען עס אויף, (פתה״ד או׳ ב, בדי השלחן י, או׳ מט, וע״ע כה״ח יב, ז).

ח) אויב צוויי פעדימער פין די צוויי האַלבען זענען אָפּגעריסען און פון יעדען איינעם איז געבליבען אַביסעל אַז בצירוף איז דאָ כדי עניבה, איז פסול, (הלבוש, א״ר, פמ״ג א״א ג, הגר״ז ב, זכל״א ח״ג ד, כה״ח יב, ג).

ט) אויב איין פאָדים האָט זיך אָפּגעריסען פין איין האַלב, און איינס פונעם צווייטען האַלב, אויב מען זאָל יעצט גיין און ציבינדען אַ פאָדים צום אָפּגעריסענעם העלפט עס נישט, (ט״ז סוס״י יב, אר, מו״כ דלא כבאה״ט ג, מחב״ר ב, זכל״א ח״ג, צ, שע״ת ג). טאָמער האָט זיך נאָר אָפּגעריסען אויף איין זייט, וואָס מאָמאנטאַל איז עס כשר ווייל עס איז געבליבען אַ שיעור אויף די

צווייטע זייט, און מען האָט ציגעקניפּט אַ פּאָדים, העלפט דאָס אַז טאָמער רייסט זיך אַראָפּ אַ פּאָדים פונעם צווייטען האַלב בלייבט עס כשר, (שע״ת או׳ ג, כה״ח ו).

י) כל שכן איידער מען הייבט אָן קניפּען די ציצית אויב איין ציצה איז צי קורץ א.ד.ג. קען מען ציקניפּען דערצי אַ פּאָדים (ט״ז סוס״י יב, מ״א טו, א, ואחרונים).

יא) מען דאַרף געוואָרענט זיין נישט צי גיין פיער איילען אָהנע ציצית (פמ״ג סי׳ ח, ח״א כלל יא, א, מ״ב, כה״ח).

יב) אויב מען האָט עפ״י טעות געמאַכט אויפען ט״ק „להתעטף בציצית״ אָדער אויפען טלית גדול על מצות ציצית האָט מען יוצא געווען (סי׳ יעב״ץ, ח״א כלל י״ב ד, פני יצחק ט, קיג, תשב״ץ ח״ב מ, שע״ת או׳ ג, כה״ח ח, כ׳).

יג) די ברכה על מצוַת ציצית איז די וא״ו מיט א פַּתח, (קש״ע סי׳ ט).

# פרק טז

## דינים פין היסח הדעת ביי טלית

א) אויב איינער האָט אויסגעטוהן דעם טלית, און האָט געהאַט בדיעה דאָס אָנצוטוהן צוריק באַלד דאַרף ער ביים אָנטוהן נישט מאַכען נאָכאַמאָל אַ ברכה, אפילו אויב מען האָט נישט קיין טלית קטן, (ב״ח, ט״ז יג, מ״א יט, א״א טז, הגר״ז כג, סי׳ יעב״ץ ה, ח״א יב, ו, קש״ע ט, י, כה״ח ח, נ״ב), אפילו אויב ער האָט עס אויסגעטוהן אין איין שטיב, און אָנגעטוהן אין צווייטען שטיב (הגר״ז שם, ע״ת, ברכ״מ, הלל״מ).

ב) אויב אָבער בשעת'ן אויסטוהן האָט ער נישט געהאַט בדיעה צוריק אָנצוטוהן ביז נאָך אַפּאָר שעה, אפילו ער האָט דערנאָך חרטה געהאַט און באַשלאָסען אָנצוטוהן באַלד, דאַרף ער מאַכען אַ ברכה אפילו ער האָט אָן אַ טלית קטן, אפילו ער טיט עס אָן אין דעם זעלבען חדר ווי ער האָט עס אויסגעטוהן, אָן אַרויסגיין אינצווישען (הגר״ז שם, מ״א סק״ח, קש״ע שם).

ג) אויב מען לייגט עס ציזאַם און מען לייגט עס אַריין אין טלית בייטעל, אפילו מען האָט גאָרנישט אינזינען געהאַט, איז גלייך ווי מען וואָלט אינזינען געהאַט נישט צוריקאָנציטוהן ביז אַ לאַנגע צייט און מען דאַרף מאַכען אַ ברכה (מ״ב לח, ת״ח, הלל״מ קמ״ז), דאָס פּאַסירט אָפט אַז מען פאַרגעסט זיך נאָכ'ן

דאַווענען דאָס מען האָט נאָכנישט געלייגט רבינו תם׳ס תפלין, און מען טיט אויס דעם טלית און מען פּאַקט אים אַריין אין טלית פּעקעל.

ד) דאָס זעלבע אפילו מען האָט בפירוש אינזינען געהאַט אָנציטוהן באַלד, נאָר נאָכדעם האָט זיך פאַרצויגען די צייט און עס איז אַדאָרך אַפּאָר שעה ביזען אָנטוהן דאַרף מען מאַכען אַ ברכה אפילו מען איז נישט אַרויסגעטרעטן פינעם שטיב ווי מען האָט אויסגעטוהן דעם טלית, און דערצו האָט מען נאָך אָן דעם טלית קטן (מ״א יט, הגר״ז כה, מסגה״ש, מ״ב, כה״ח).

ה) אויב מען האָט אויסגעטוהן דעם טלית סתם אָהנע באַזונדערע כוונות אויב צוריק אָנצוטוהן באַלד אָדער נישט דאַמאָלטס ווענדט זיך אויב מען האָט אָן אַ טלית קטן דאַרף מען נישט מאַכען אַ ברכה, אויב נישט דאַרף מען יאָ מאַכען אַ ברכה (ב״ח, מ״א סק״ט, הגר״ז כ״ה, א״ר, עט״ז, ח״א, מ״ב ל״ח, וכה״ח).

ו) אויב מען טיט אויס דעם טלית סתם אינמיטען דאַווענען, איז פּינקט ווי מען וואָלט אויסגעטוהן מיט די כוונה באַלד צוריק אָנצוטוהן (מ״ב ס״ק ל״ח, ת״ח, הלל״מ קמ״ז).

ז) ביי די אויבענדערמאָנטע אופנים וואָס מען דאַרף נאָכאַמאָל מאַכען אַ ברכה, פינדעסטוועגן דאָך דאַרף מען נישט נאָכאַמאָל בודק זיין די ציצית (מ״א יג, סק״ח).

ח) ווער עס מאַכט אַ ברכה אויף אַ טלית און עס איז אים נאָכדעם אַרויסגעפאַלען פון די הענט, דאַרף ער נישט מאַכען נאָך אַ ברכה (א״ר י״ז בשם שכנה״ג, פמ״ג יד, מאמ״ר, כה״ח ח, נט).

ט) אויב דער טלית פאַלט אַראָפּ אומווילענדיג, אינגאַנצען פונעם קערפּער אפילו אין די הענט איז געבליבען דאַרף ער נאָכאַמאָל מאַכען אַ ברכה, אויב רוב איז נאָר אַראָפּגעפאַלען און אַ קליינער טייל איז געבליבען אויפען קערפּער, דאַמאָלטס מאַכט מען נישט קיין ברכה (ש״ע ח, טו, לבוש, מ״א, הגר״ז, דה״ח, ארצה״ח, קש״ע), טייל זאָגען אַז אויב רוב פאַלט אַראָפּ דאַרף מען אויך מאַכען אַ ברכה (ט״ז, א״ר, ח״א, גר״א) אָבער ביי ספק ברכות איז מען מקיל, נאָכדערצי אַז טייל זענען מקיל אפילו עס פאַלט אינגאַנצען אַראָפּ זעה או׳ י׳).

י) טייל האַלטען אפילו עס פאַלט אינגאַנצען אַראָפּ דאַרף מען נישט מאַכען אַ ברכה ווען מען טיט עס אָן (ריטב״א בשם י״א, ושכן שמע בשם הרר״י, וכ׳ השו״ג דהעולם נהגו שלא לברך דספק ברכות להקל).

יא) טייל זאָגען אפילו דער גאַנצער טלית איז אַראָפּגעפאַלען אויב מען האָט אָן אַ טלית קטן, דאַרף מען נישט מאַכען אַ ברכה (מחה"ש ח, כ, שו"ת מהרש"ם ח"ד קמ"ח, שו"ת אמרי יושר ח"ב, ט, ד), טייל זאָגען אַז דער ט"ק העלפט נישט (מ"ב).

להלכה ולמעשה פסק'נן מיר, נישט צי מאַכען אַ ברכה! אויב מען האָט אָנגעהאַט אַ ט"ק, ערשטנס רוב פוסקים האַלטען אַזוי, צווייטענס ספק ברכות להקל, דריטענס פאַרוואָס איז דאָס ערגער פין דעם וואָס טיט אויס דעם טלית סתם (זעה או' ה'), וואָס דער מ"ב איז אויך מודה אַז דער ט"ק העלפט, פערטענס קען מען מצרף זיין די שיטות וואָס האַלטען אַז אפילו ווען עס פאַלט אַראָפּ אינגאַנצען און מען האָט נישט אָן אַ ט"ק דאַרף מען אויך נישט מאַכען קיין ברכה (זעה או' י').

יב) טאָמער האָט דאָס פאַסירט אויף אַ פלאַץ אין דאַווענען ווי מען טאָר נישט מפסיק זיין, זאָל מען נישט מאַכען די ברכה דאַמאָלטס, נאָר מען זאָל אויסוואַרטען ביז ווען מען מעג מאַכען אַ ברכה, דאַמאָלטס נעמט מען די ציצית אין האַנט אַריין און מען מאַכט אַ ברכה (קש"ע סי' ט').

יג) טייל זאָגען אַז נאָך שמונה עשרה זאָל מען שוין נישט קיין ברכה מאַכען ווייל נאָך קר"ש און תפלה איז שוין אַדאָרך דער חיוב פון טלית (שע"ת פת"ע, הלל"מ).

יד) אויב מען האָט געשפירט ווי דער טלית גליטשט זיך אַראָפּ איידער עס איז אינגאַנצען אַראָפּגעפאַלען און ער האָט געהאַט בדיעה צוריק אָנציטוהן אפילו עס איז נאָכדעם אינגאַנצען אַראָפּגעפאַלען דאַרף מען נישט נאָכאַמאָל מאַכען אַ ברכה, (שו"ת אמרי יושר ח"ב ט, ד).

טו) אויב מען האָט אויסגעטוהן איין טלית און מען טיט אָן אַ צווייטען, צ.ב.ש. דער בעל הבית פונם ערשטען טלית איז אָנגעקימען, דאַרף מען אַ ברכה מאַכען אויפען צווייטען (חסל"א י, בא"ח, זר"א ח"א סי' ה', ס' החיים, ברכ"מ נז, כה"ח נ"ה) טאָמער האָט מען שוין געהאַלטען נאָכען דאַווענען איז בעסער אינזינען צי האָבען אַז מען וויל עס נישט קונה זיין דאַרף מען שוין נישט קיין ברכה מאַכען (שלחן מלכים סי' ט, או' ק"נ).

טז) ביז יעצט האָט מען גערעדט אַז מען האָט שוין געהאַט אָנגעטוהן דעם טלית, אָבער אויב מען האָט געמאַכט אַ ברכה איבער אַ טלית וואָס מען האָט געבאָרגט פונם שמש, און נאָך די ברכה פאַר די עטיפה האָט דער שמש

ציגעכאַפּט דעם טלית זאָגענדיג אַז דער בעל הבית פון דעם טלית איז אָנגעקימען, געבענדיג דערביי אַ צווייטען טלית, דאַמאָלטס האַלטען טייל פוסקים אַז מען דאַרף נאָך אַ ברכה מאַכען אויפען צווייטען טלית, (עי' מחב"ר יא, ופת"ע) אָבער די הכרעה פין די פוסקים איז אַז וועגען ספק ברכה זאָל מען נישט מאַכען נאָך אַ ברכה, (מוצל מאש, שע"ת סוס"י ח, חסל"א נה, כר"ש, פני יצחק מע' ט, קיט).

יז) מען דאַרף אָבער פאָרזיכטיג זיין אַזאַ צייט, נישט צי זיכען איינעם וואָס מאַכט פּינקט אַ ברכה אויף אַ טלית און אינזינען האָבען יוצא צי זיין מיט אים, (כאָטש אַזוי פירען זיך די מדקדקים ביי יעדע ספק אויב מען דאַרף אַ ברכה מאַכען) ווייל טאָמער האָט מען יאָ יוצא געווען מיט די ברכה איז דאָס גיין אַ אומזיסטע הפסקה (כנ"ל).

יח) דעסטגלייכען איז גיט אַזאַ צייט נאָכען אָנטוהן דעם צווייטען טלית צי זאָגען „ברוך שם כבוד מלכותו לע"ו" וועגען חשש ברכה לבטלה (כנ"ל דומיא דתפש"ר ברמ"א סי' כ"ה), אָבער נישט פאַרען אָנטוהן דעם צווייטען טלית (עי' פמ"ג ומ"ב סי' כ"ה ס"ה).

יט) דאָס איז אָבער געזאָגט געוואָרען ווען דער שמש האָט געגעבן אַ כאַפּ צי דעם טלית און עס איז געווען דערנאָך אַ הפסק, טאָמער פּאַסירט דע מעשה מיט אַ קליינע ענדערונג דהיינו דער שמש קימט דערציילען אַז דער בעל הבית איז אָנגעקימען און בעט דעם טלית, אָדער דער בעל הבית אַליינס בעט עס, איז די בעסטע עצה צי ווייזען פאַרען שמש אָדער בעה"ב מיטען פינגער איין מינוט! און מען טיט דאָס אָן כשיעור ד' אמות, דאַמאָלט איז די ברכה זיכער נישט לבטלה (עי' מ"א ח' סק"ה בשם תה"ד, הגר"ז או' ו, קש"ע סי' ט, ועוד), און וועגן די ברכה אויפען צווייטען טלית וואָס מען גייט אָנטוהן זעה אויבען או' ט"ו.

כ) אויב דאָס האָט פּאַסירט ביי זיך זעלבסט, מען האָט געמאַכט אַ ברכה אויף אַ טלית, און דערנאָך כאַפּט מען זיך אַז נישט דעם טלית האָט מען געוואָלט אָנטוהן איז די הלכה די זעלבע, (כ"נ פשוט, וע"ע א"ת סי' ח, ופלא על ס' הלל"מ שעבר על דבריו בשתיקה כהודאה), אָבער ביי דעם איז די בעסטע צי בלייבען מיטען ערשטען טלית, כדי נישט אַריינציקריכען אין ספיקות, (שלחן מלכים סי' ט, קמ"ט, ע"ש).

כא) עס איז פאַרהאַנען אַזעלכע וואָס הייסען אַז שבת ויום טוב וואָס מען דאַווענט באריכות זאָל מען אינזינען האָבען (בעסער נאָך, ציזאָגען מיטען מויל) אַז מען וויל נישט פטר׳ן מיט די ברכה נאָר ביז מען וועט אויסטוהן דעם טלית (דאָרט ווי מען מעג אויסרעדן), דערנאָך אויב מען טיט אויס דעם טלית, מאַכט מען אַ ברכה ווען מען טיט זי אָן צוריק, (מט״א תקפ״ד צ, וסי׳ יעב״ץ שם) אַנדערע אחרונים האַלטען אַז מען זאָל זיך אויסנעמען בשעת די ברכה צי פטר׳ן ביזען סוף דאַווענען אפילו מען וועט דאַרפען עטליכע מאָל אויסטוהן און אָנטוהן דעם טלית (אלל״מ שם בשם אחרונים).

**דער מנהג איז פאָלגענד:** אפילו מ׳האָט גאָרנישט אינזינען בשעת די ברכה, אויב מ׳האָט בשעת׳ן אויסטוהן דעם טלית אינזינען געהאַט זי נאָכאַמאָל אָנציטוהן, אָדער אפילו מ׳האָט אויסגעטוהן סתם, און געהאַט אויף זיך אַ טלית קטן, דאַרף מען מער נישט מאַכען קיין ברכה ביים אָנטוהן (אלל״מ שם, הלל״מ קמ״ד).

כב) אַלס עצה טובה זאָל מען אינזינען האָבען איינמאָל פאַר אַ גאַנץ לעבן אַז מען פטר׳ט מיט די ברכה ביזען סוף דאַווענען (עי׳ אא״ת סי׳ ח, סעי׳ ו, הלל״מ קמ״ד).

# פרק יז

א) עס איז ראוי פאַר יעדען ירא שמים צי האָבען אַ ווייסען טלית גדול און טלית קטן, כדי יוצא צי זיין אַלע שיטות ווען ער לייגט ווייסע ציצית (ט״ז ט, ח, הגר״ז ט, שע״ת בשם יש״ש).

ב) אַ מלבוש וואָס האָט נישט קיין פיער עקען איז פטור פון ציצית (מנחות מג, טוש״ע סי׳ י׳). טאָמער זענען אָפגעריסען געוואָרען די פעדימער פין די ווינקלען ביז עס איז געוואָרען רינדיג שאַדט נישט, דער עיקר איז וויאַזוי עס איז בשעת מען קניפּט אַרויף די ציצית (דברי מנחם בהגה״ט א, כה״ח ב׳).

ג) טאָמער האָט עס מער פין פיער עקען איז אויך מחויב (שם, וכ״ה דעת רי״ף, ורמב״ם, ורא״ש), טייל פוסקים האַלטען אָבער אַז עס איז פטור (הרא״ם, ורבינו שמחה), דעריבער אויב מען האָט אַ מלבוש פון פינעף עקען דאַרף מען אַרויפלייגען ציצית, אָבער אַ ירא שמים זאָל נישט אָנטוהן אַ טלית נאָר מיט פיער עקען (ב״ח, מ״א, א״ר, עט״ז, הגר״ז, רה״ח, פני יצחק, לב חיים, בא״ח, ועוד).

ד) דעריבער אויב רוב טלית איז צוריסען געוואָרען דאַרף מען עס זאפארט ציזאַמען נייען כדי עס זאָל נישט זיין זעקס עקיג (כה"ח י, ז), אויך דאַרף מען אַזאַ צייט אַראָפנעמען די ציצית און צוריקלייגען (חסל"א ד, כה"ח ז, בא"ח ח).

ה) אַ קלייד וואָס האָט געהאַט פיער עקען, און מ'האָט איינגעקנייטש איין עק און ציגעבינדען אָדער פאַרנייט, און עס זעהט אויס ווי אָפגעשניטען, פינדעסטוועגן איז עס נישט פטור (שם סעי' ג), דעריבער די וואָס ווילען מחמיר זיין ביי די רעקלעך וואָס האָבען פיער עקען צו מאַכען איינס רינדיג (כמבואר בב"י סי' י, ובמ"א שם, וח"א, ועוד עי' בסמוך) מיזן זיי אַראָפשניידען איין עק, אַרויפ־בייגען און צינייען איז גאָרנישט ווערט (קש"ע ט, כא, כה"ח ט).

ו) די פוסקים פלאָגען זיך שטאַרק צו פאַרענטפערן פאַרוואָס מען דאַרף נישט קיין ציצית אויף די רעקלעך (און רעק) וואָס פאַרמאָגען פיער עקען (עי' ב"י, ד"מ, ומ"א), פינדעסטוועגן פירען זיי אויס אַזוי ווי אַלע היתירים צי פאַר־ענטפערן דעם מנהג, זענען געצווינגענע זאָל אַ ירא שמים מאַכען איין ווינקעל רינדיג (ב"י בשם קדמונים, מ"א סוס"י, הגר"ז כב, ח"א כלל יא, חסל"א ב, בא"ח נח, מ"ב כה"ח).

דערפאַר זענען טאַקע די ירושלימער רעקלעך רינדיג אויבען, פאָרט איז אָבער אַ ווינדער פאַרוואָס אין חו"ל האָבען די גדולים וצדיקים נישט מקפיד געוועהן אויף דעם, וצ"ע.

# פרק יח

## מאבען – ארויפלייגען די ציצית

מיר האָבען שוין דערמאָנט אַז די ציצית דאַרפען זיין ווייניגסטנס געשפינט און געדרייט, און אַרויפגעלייגט אויפען טלית לשמה (סי' יא־יד), אָבער ניפוץ (קעמען) איז מען מקיל (יא, א) לכתחילה זאָל מען מחמיר זיין (אגור, ד"מ, פרישה בשם מהר"ל, א"ר ד, הג' רעק"א על סידור דה"ח, מ"ב).

ב) קיין שום מענטש זאָל זיך נישט פאַרלאָזען מיט'ן אַרויפלייגען די ציצית נאָר אויף אַ יר"ש און מוחזק בכשרות ובקי, וואָס ווייסט אינזינען צי האָבען לשם מצוה און צי מאַכען אַלעס געהעריג (בא"ח, כה"ח י"ד ח').

# בולעטין

# א ווארענונג צו אלע אידען

## די טליתים טראגעדיע!!!

**טראך! טראך!** עס ראבט זיך ווי רער הימעל פאלט אראפ פין רי מורא׳ריגע גייסטיגע טראגעריע וואס איז פארגעקומען רי לעצטע פאר חרשים.

עס האט ליירער איינגעבראכען אן עפירעמיע רח״ל צווישען רי גאר היימישע קרייזען אין געשעפטען, צענרליגע ספרים געשעפטען מיט סתם געשעפטען פון וויליאמסבורג—בארא־פארק—פלעטבוש —קווינס, און גאנץ גרעיטער נוא יארק זענען פארפלייצט געווארען מיט שווערע הונריירטער ארץ ישראל—טערקישע טליתים, וואס נאך גרונטליכע אינטערזוכונגען ביי לאבאריטאריס האט מען געטראפען טליתים פון דעם סארט, הונרערט (100) פראצענט פריי פין וואל.

**שומו שמים!** א קאלטער שווייס באגיסט רעם קערפער הערנריג רי טרויריגע בשורה, אז **טליתים** וואס ווערן פארקויפט אין רי בעסטע ערליכסטע געשעפטען פון **וויליאמסבורג און בארא־פארק,** א.א. וו. **אלס הונדערט פראצענט טערקיש וואלענע טליתים, זאלען נישט ענטהאלטען אפילו בלויז איין וואלענעם פאדים,** רחמנא יצילנו, אין רער צייט וואס לויט רי פוסקים קען זיין א ערנסטע פראגע ביי רי סארט טליתים:

1) אויב מען איז יוצא רי מצוה.

2) אויב מען מעג מאכען רערויף א ברכה.

3) אויב מען מעג ארויסגיין רערמיט שבת.

4) אמאל קען זיין רי ציצית מיטן טלית שעטנז.

5) מען איז נישט מקיים מצות ציצית אגאנץ לעבן.

**(זע אויספירלעך אין שו״ע או״ח סי׳ ט׳, מ״א, ושו״ע הרב, מ״ב, וארצה״ת, ומאסלה״מ, ושלחן מלכים, שו״ת מהר״י שטייף, שו״ת אגרות משה, ועוד).**

און וואס טוט זיך מיט גזל און אונאה, וואס אפילו יום כיפור העלפט נישט, וויפיל ארימע ברויט פארדינערס, האבען אפגעשפארט ראס ביסען פון מויל כדי זיך ערלויבען צו קויפען פאר זיך, ארער פארן איירעם, רעם בעסטען פארלעסליכסטען טלית, און פלוצלונג זעהט מען אז רי גאנצע הארעוואניע איז געווען אומזיסט.

## געבליבען אהנע געלד! און אהנע מצוה!

# ירא הקהל וישפוט!

מיר בעטען אז קהל זאל נישט זיצען מיט פארלייגטע הענט, כדי עס זאל ח״ו נישט ערגער ווערען רי פירצה און רערנאך זיין א מעוות לא יוכל לתקן, ראס מיינט אז יערער אהן אויסנאם זאל זיך לאזען קאסטען רי פאר נישטיגע ראלארען עקסטערע אין אראפנעמען א פאר פעירימער פון א פאר פלעצער פון טלית און אריינטראגען (ארער שיקען) צום שעטנז לאבאריטארי מיט רעם אררעס:

SHATNES LABARATORY, 203 Lee Ave. Brooklyn, N.Y. 11211

און ביז אפאר טאג וועט ער האבען די ריכטיגע רעזולטאטען, אויב איר טוט דאס נישט נארט איר זיך זעלבסט, ביטע פארנאכלעסיגט נישט אזא גרויסע מצוה.

עס איז אויך גלייכצייטיג א פליכט מפרסם צו זיין די אויבענדערמאנטע ווערטער, מטעם **כל שיש בידו למחות,** באזונדער דער וואס איז שוין געשטרויכעלט געווארען דארף מפרסם זיין איבער זיין יכולת דעם גרויסען מכשול.

ובזכות מצות ציצית נגאל במהרה. אמן.

# אזהרה נוראה על ציצית מבית דין הגדול

הנה ידוע לכל איש ישראל גודל מעלת קדושת **מצות ציצית** אשר היא מצלת להזהר בה מכל עבירות שבתורה (עיין במנחות דף מ"ד) וכי היא שקולה כנגד כל מצות התורה כמארז"ל שם, ולכן החיוב **על כל איש ישראל** לחנך ילדיו **במצוה הנוראה הזאת,** ידוע לכל, **עון ברכה לבטלה שעובר ח"ו על לא תשא** אשר כל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב"ה לא תשא, וארז"ל שמאימין על הנשבע: דברים שאין אש ומים מכלה אותם שבועת שוא מכלה אותם, יען מה? כי עובר על לא תשא, וכן הוא במזכיר שם שמים לשוא ר"ל, **וע"כ המטיל ציצית פסולים בכנפיו. שתים רעות עושה, האחת שבכל רגע ורגע עובר על מצות ציצית, והשנית מברך בכל יום ברכה לבטלה ועובר על לא תשא,** ולכן מצאנו עצמינו מחויב בדבר להודיע לכל אחב"י, גודל המכשלה אשר נהי' עתה בעוה"ר, קמו אנשים עמי הארץ קלי הדעת, לא ידעו חומר הדבר **ועושים ציצית ממטוה שטוואם אינו יהודי;** והנכרי טוואם לעשות בגדים **לא משום מצות ציצית והמה קונים מהם ועושים מהם ציצית,** והמכשול הזה נודע לנו בבירור כי נעשה בק"ק ביאלא ובק"ק ניעפאלאמיץ הסמוך לק"ק קראקא ובק"ק טארנא, **ובזה המה מכשילים את הרבים וגדול העון מנשוא,** לכן ראוי ונכון לכל רב ואב"ד בעירו **אשר ישים עין השגחתו על המביאים ציצית למכור לעירו** שיהי' לו כתב הכשר כתוב וחתום, גם הציצית יהי' חתומים בסימן מובהק מהרב אב"ד דשם, ואז יתן לו הרב רשות למכור בעירו הציצית, ובלעדי הרשות מהאב"ד לא ירום איש ידו לקנות ציצית **הן בעבורו והן בעבור ילדיו; כי המה פסולים מן התורה ואין עליהם שם ציצית,** גם אנחנו מזהירים ומחלים פני אלה עושי הציצית אשר עד היום עשו שלא כדת; **והחטיאו את הרבים; ושמו מכשול לפני אחינו בני ישראל** ישימו על לבם אשר **אלפים ורבבות מכשולות יצאו מתחת ידיהם בכל עת ובכל רגע; ע"כ יחזרו בתשובה ולא יזידין עוד להכשיל את הרבים בבצע כסף ויעשו ציצית כדת:** והשי"ת ישלח ברכה במעשה ידיהם. גם אנחנו מחלים אשר כל איש הקורא דברים אלו לפרסם אותם ברבים, להמון עם אשר בלתי מבינים לה"ק ולמען יהיו הדברים האלה שימה בפי כל ישראל כי דבר גדול הוא; ובזכות זה ימהר ה' ויחוש גאולתינו ופדות נפשינו אמן כי"ר.

נאום הק' **שמעון סופר** בהג' מהרמ"ס זצ"ל אבר"ק קראקא
נאום הק' **יחזקאל שרגא הלברשטאם** אב"ר שינאווא
נאום הק' **ארי' ליביש** סג"ל אבדק"ק מאשטשיסק

נוסח כרוז שנתפרסם

✡ ✡ ✡

# וואָרענונג קעגען סכנה!!!

## אַ רוף צו אַלע אידען

מיט גרויס צער און פארוויטוגט הארץ טוען מיר זיך פארופען איבער דעם נייעם גרויסען מכשול וואס שטעלט אין געפאר דעם גאנצען כלל פיזיש און גייסטיש, ליידער ווערען היינט צו טאג פארקויפט אין אלע גרויסע און קליינע סטאר'ס **זאקען וואס איז רעכט שעטנז**, עס איז געמאכט פון וואל און לינען, און אויסער די הארבע עבירה פון שעטנז וואס מען באגייט יעדע רגע וואס מען האט אן די זאקען, ווערען די תפילות נישט נתקבל אפילו מען ווייסט נישט אז עס איז שעטנז (כמבואר כזוה"ק) שוועבט אויך א סכנה אויפ'ן מענטש יעדע רגע ווי ער גייט און ווי ער שטייט, **ווייל דער ריקאנטי שרייבט אז א געוויסער מזיק איז באשטימט איבער אלע וואס גייען אין שעטנז און איז בארעכטיגט זיי צו שעדיגען**, קומט אויס אז יעדער מענטש איז אומוויילענדיג און אומוויסענדיג צוזאם מיט זיינע קינדער איינגעשטעלט סיי אין שטיב און סיי אין די גאס מיט אלע שוידער־ליכע טראגערישע אינצידענטען וואס קען אלס פאסירען צב"ש: האלראפ'ס – עקסידענטען – פייער א.ד.ג. צוליב דעם וואס די שמירה עליונה טוט זיך אפ, און מען איז איבערגעגעבן אין די הענד פון מזיק אויב מען גייט ח"ו אין שעטנז.

דעריבער, דער וואס זיין לעבען און דאס לעבען פון זיינע קינדער איז איהם טייער, זאל ער זייער אכטונג געבען (חוץ די אלגעמיינע מלבושים אזוי ווי סוט'ס, מאנטעלן, קליידער; א.ד.ג. וואס מען דארף לאזען טעסטען) ביים קויפען זאקען עס זאל ח"ו נישט זיין קיין שעטנז.

די זאקען וואס האבען א לעיבעל וואס לייגט זיך Gold Ṭoe Socks מוז מען זיין געווארענט ווייל ביי די פירמא איז דער חשש שעטנז זייער גרויס, איבערהויפט ווען עס שטייט ארויס קלאר Wool ean Linen !.

די זאקען וואס שטייט אויפגעשריבען Linnoized איז קרוב לוודאי עס זאל זיין דערין שעטנז.

און בכלל זאל מען געווארענט זיין פון וואלענע זאקען אדער לינענע זאקען נישט צו נוצען אהנע טעסטען ווייל מען קען זייער גרינג געשטרויכעלט ווערען מיט שעטנז.

מיר האבען זיך איבערצייגט ביי אסאך זאקען וואס האבען אינ־גאנצען נישט געהאט קיין לעיבל און עס איז געוועז דערין שעטנז.

**צמר ופשטים, שעטנז**

# מותר?




**זייט געווארענט! נאך חקירות ודרישות האבען מיר זיך** דערוויסט, אז אגרויסער פראצענט פון די געפלאכטענע עטרות (סיי

אין חו״ל סיי אין א״י) האבען פעדעמער פון לינען, וואס צוזאם מיט׳ן וואלענעם טלית איז עס שעטנז (עפ״י שו״ע והפוסקים).

רעריבער איז ראטזאם כדי מען זאל נישט נכשל ווערען בפרט ביים דאווענען (נאך רערצו ר״ה און יו״כ און עצם יום הדין) אינעם הארבען איסור פון שעטנז, (וואס דאס מאכט קאליע דאס גאנצע דאווענען כמבואר בזוה״ק ובכהאריז״ל), און כדי דער עטרה זאל זיין אן אמת׳ער קרוין פאר׳ן טלית של מצוה און נישט ח״ו א מקטרג, זאל מען ראס לאזען טעסטען ווי אום שנעלסטען.

**פארגעסט נישט!** וועגען אפאר מינוט טרחא און אפאר סענט קענט איר אפלעבען א גאנצען לעבען אום גערדאווענט אין אן א שמירה צוזאמען מיט׳ן באגיין דעם הארבען איסור פון שעטנז; ווייל אן עטרה קויפט מען נאר איינמאל אין לעבען.

צום גרויסען באדויערן טוען מיר מודיע זיין דעם חרדישען אידענטוהם פון וויליאמסבורג און בארא פארק אז מיר האבען באקומען דירעקטע טעלעפאנישע רופען פון אנשים מהימנים, אז טראץ דעם גרויסען אחריות פון שעטנז געפינען זיך נאך איינצעלנע געשעפט׳ס לייט וואס טוען פארזיכערען די קונים אז זייערע בגדים האבען נישט קיין שעטנז, חאטש עס איז נישט אונטערזיכט געווארען.

מיר בעטען למען השם ותורתו הק׳, אז יעדער און וועמענס אויגען די מצות פון השי״ת זענען הייליג, און זיין לעבען מיט די לעבען פון זיין הויז געזונט איז אים טייער, זאל זיך נישט לאזען פארפירען פון אזעלכע רייד, און בשום אופן נישט אנטוען א בגד ביז עס איז נישט אונטערזיכט געווארען פונעם שעטנז לאבאריטארי, ווייל אן דעם איז עס פינקט ווי עסען פלייש אן קיין שום השגחה! און נאך ערגער.

ובזכות שמירת המצות וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען אין גיכען. אמן.

אין דעם זכות פון **קבלת התורה והמצות כהלכתה** וועלען מיר זוכה זיין ניצל צו ווערען מכל צרה ח״ו און במהרה געהאלפען ווערען מיט א גאולה שלמה אמן.

נוסח כרוז שנתפרסם

